לקט שיחות קודש בעניני חג השבועות ומתן תורה, במעלת וחשיבות לימוד התורה, אמירת דברי תורה אצל צדיקי הדורות, וכתיבת והדפסת ספריהם והשפעתם לדורות

# • שנשמעו מפי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בעתים שונים •

## עניני חג השבועות ומתן תורה

### עניני ומנהגי חג השבועות

בביקור אצל **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**
ליל ב' דשבועות תשע"ד לפ"ק

**רבינו:** מצינו חשיבות מיוחדת ביום טוב שני של שבועות, יותר מיום טוב שני של שאר הרגלים.

**האדמו"ר ממונקאטש: במגן אברהם** (ריש סימן תצ"ד) כתב בשם **הרמ"ע מפאנו**, על מה שעושים היום טוב ביום ז' בסיון, אף שהוא יום נ"א לספירה, דמכאן זכר ליום טוב שני של גליות.

**רבינו: בשו"ת חתם סופר** (או"ח סימן קמ"ה ד"ה וממילא, וביו"ד סימן ר"ז ד"ה והנה) כתב, דיום טוב שני של שבועות לא נעשה מעולם מחמת ספיקא דיומא, שהרי כיון שידעו קביעת חודש ניסן וימי חג הפסח, הרי נ' ימים אחר כך הוא חג השבועות, ורק משום גזירה אטו פסח וסוכות, עשו ב' ימים גם בשבועות, ועל כן נשתנה משאר יום טוב שני, כיון שלא נקבע מחמת ספק.

**האדמו"ר ממונקאטש: בשפת אמת** (שבועות תרמ"ג ד"ה בפסוק) כתב דבר חידוש, ליישב קושית המגן אברהם (שם) היאך אנו אומרים זמן מתן תורתינו ביום ששה בסיון, דרק בעת קבלת התורה היתה ביום ז' בסיון, אבל בזמנינו נתעורר ענין קבלת התורה ביום ו' בסיון.

**רבינו: בשפת אמת** שם מבאר, שענין ההכנה לקבלת התורה מתקיים בכל שנה ושנה, ואמנם בעת קבלת התורה בהר סיני, הוצרך משה להוסיף יום אחד, משום דאותו היום שירד לא היתה לילו עמו, וישראל הוצרכו הכנה של ב' ימים שלמים לילה ויום. אבל כעת בכל שנה ושנה, הרי מתקיים שפיר לילו עמו, ביום ד' וה' בסיון, ושפיר יש לומר בששה לחודש, זמן מתן תורתינו, שאז יורד ההשפעה של מתן תורה מן השמים.

**רבינו:** בחג השבועות היו הרבנים נוסעים להסתופף בצל הצדיקים, יותר מבשאר ימים טובים.

**האדמו"ר ממונקאטש:** גם אצל **הגה"ק הדרכי תשובה זצ"ל** היו מגיעים הרבה רבנים לשהות אצלו בחג השבועות, וביותר מאז נתפרסם ספרו הגדול **דרכי תשובה** על שו"ע יו"ד. בין הרבנים נמנו **הגה"ק משאמלויא זצ"ל** שהגיע הרבה שנים על חג השבועות למונקאטש, גם **הגה"ק רבי שאול בראך זצ"ל מקאשוי** ועוד הרבה.

**הרה"ג רבי יהושע: הגה"ק משאמלויא זצ"ל** היה עוד אצל **הגה"ק השם שלמה ממונקאטש זצ"ל** על חג השבועות, ובספרו **טיול בפרדס** (על אגרת הטיול עמ' יז) מביא דבר תורה ששמע מפיו בדרשה לפני אקדמות, על הפסוק (בראשית ל-טז) ויבא יעקב מן השדה בערב ותצא לאה לקראתו וגו'.

**האדמו"ר ממונקאטש:** אכן דבר תורה זה אמר בשנת תרנ"ג, בשנה האחרונה לפני פטירתו, והיתה בזה כעין רמז להסתלקותו כמה ימים אחר כך, ביום כ"א סיון.

בחג השבועות נהגו אבותי הק' להשמיע פלפול ודבר שמעתתא לכבוד התורה, וכנראה נהגו בזה על פי מנהגו של מרן **הגה"ק מצאנז זי"ע** שהיה משמיע קרעפיל פשעטל בעת הקידוש, וידוע שהיו מסובין שם רבנים גדולי דורו. **ובתולדות קול אריה** מובא, שהקול אריה היה מפלפל עם **הגה"ק מצאנז** בעת אמירת הפלפול בחג השבועות.

כן זכיתי להיות נוכח הרבה שנים אצל **הגה"ק מסאטמאר זצ"ל**, שגם כן נהג להשמיע דרוש ופלפול ביום זה בעת הקידושא רבא.

**השם שלמה** הרבה לנסוע להסתופף בצל **הרה"ק מצאנז זי"ע**, ושהה שם כמה פעמים בחג השבועות. והיה מספר שפעם בעת הקידוש כאשר הביאו הקערה של קרעפלע"ך לפני **הרה"ק מצאנז**, הצטופפו החסידים לחטוף שיריים מהקרעפלעך, בעת הדחיפות נענה **הרה"ק מצאנז** ואמר, הנה לפי ראות עיני, ישנו בקערה הזאת לערך קרעפל וחצי

לכל אחד ואחד מכם. על כן תדעו, שאם אחד לוקח יותר מסכום הזה, הרי הוא עובר על דיבור אחד מעשרת הדברות, בעצם חג השבועות זמן מתן תורתינו...

**רבינו** (בדרך צחות)**: באמת בגמרא** (סנהדרין פו.) **מבואר, שלאו דלא תגנוב שבעשרת הדברות, מדבר בגונב נפשות, ולא בגניבת ממון. רק אולי היות ששיירי מאכלי הצדיק מזכך הנפש, ושייך לנפש החסיד שמגיע אליו, על כן הוי כמו גונב נפשות...**[א]

**<u>בענין קריאת עשרת הדברות</u>**

**בביקור אצל הגה"צ רבי יעקב יהוסף ראטענבערג שליט"א האדמו"ר מקאסאן** (9 עוו.)

יום ב' פרשת יתרו תשע"ה לפ"ק – בפאלם ספרינגס

**האדמו"ר מקאסאן:** דעם שבת איז א גרויסע שבת, **רבי אייזיקל זידיטשובער** זאגט, אז דער שבת איז נאך גרעסער פון קבלת התורה אליין. ער איז עס מסביר, ווייל אלעס ווענט זיך אינעם שבת, און וועגן דעם האט מען געגעבן די מצוה פון שבת אין מרה, כדי קבלת התורה זאל האבען א שבת פאר זיך. ממילא איז שבת פרשת יתרו, דער שבת פון קבלת התורה. און ער זאגט נאך צו, אז דא ליינט מען כפי הסדר, און קבלת התורה איז נישט לפי הסדר (עיין בספר **אמרי יוסף** פ' יתרו ד"ה והר סיני).

**רבינו:** מען זאגט נאך פונעם **שינאווער רב**, אז ער איז אמאל געוועזן ביים פאטער פרשת יתרו אדער ואתחנן, און ער האט געשפירט א געוואלדיגע הארה בשעת מען האט געליינט די עשרת הדברות. האט ער געטראכט, אז אויב ביים טאטען קוקט אזוי אויס אין שבת, איז כל שכן שבועות. ווען ער איז געקומען אויף שבועות, האט ער נישט געשפירט דעם הארה וואס ער האט געהאט שבת.

**האדמו"ר מקאסאן:** רבי משה ווייס ז"ל, דעם קלויזענבורגער רב'ס מחותן, האט מיר דערציילט, אז דער **קאסאנ'ער רב זצ"ל** (בעל **אור מלא**) איז אמאל געווען אין נייפעסט שבת פרשת יתרו, און די עשרת הדברות איז געווען ביי אים גאר דערהויבן, און זייט דעמאלטס איז ער זיבן יאר געפארן פרשת יתרו און שבועות קיין קאסאן.

**רבינו:** דער **קאסאנ'ער רב** איז געווען אש להבה.

**האדמו"ר מקאסאן:** רבי משה ווייס איז אינדערהיים געפארן קיין מונקאטש, און ער האט מיר דערציילט, אז דער **מונקאטש'ער רב** האט אים געפרעגט, ווי האסטו מקבל געווען די תורה ?!

**רבינו:** מען ברענגט צו פונעם **ליסקער רב, דער אך פרי תבואה**, אז אמאל שבועות ביים טיש, האבען די חסידים געשמועסט צווישן זיך, אז עס שטייט אין **קדושת לוי** (פ' יתרו), אז אויב מען איז זוכה, קען מען הערן קולות וברקים, אזוי ווי ביים מעמד הר סיני. האט זיך איינער אנגערופן, מען מיינט נישט קולות

[א] בענין שיירי מאכלי הצדיק נעתיק מתוך דרשת **רבינו שליט"א** ליל שמחת תורה תשע"ט לפ"ק, וזה לשונו: הנה ידוע כי אצל חסידים היה חשוב מאוד לאכול משיורי מאכלי צדיקים, שיש בהם סגולה להתעלות באכילתה. והוא על דרך שאמרו (הוריות יג:) שהאוכל ממה שאכל עכבר וממה שאכל חתול משכח את הלימוד ע"כ. ומדה טובה מרובה פי כמה בסגולת האכילה ממה שאכל צדיק. אמנם היה גם ענין בצדיקים שהיו שולחים ממאכליהם לאנשים פרטים, ודקדקו בכל פעם למי שהם נותנים. והענין בזה הוא, על פי מה שפירש **בייטב לב** (פ' וירא על הפסוק ואקחה) מה שאמר אברהם להאורחים, ואקחה פת לחם וסעדו לבכם אחר תעבורו, כי על כן עברתם על עבדכם (יח-ה). כי דרך הצדיקים, בעת שנותן אוכל להבאים בצל קורתו, מתפלל עבורם כמו שהוא מרחם עליהם ונותן להם לאכול כן ירחם ה' עליהם וימלא אסמיהם בר ומזון, ובכל אשר יפנו יצליחו בשבתם בביתם ובלכתם בדרך, ואכילה שנותן להם הוא פועל דמיוני על העתיד. עיין **רמב"ן** על הפסוק (לעיל יב-ו) ויעבור אברם, כי כאשר תצא מכח אל פועל דמיון, תתקיים. וזהו שנאמר ואקחה פת לחם וסעדו לבכם גם אחר תעבורו, שעל ידי זה ישפיע ה' לכם שפע פרנסה תמיד, כי על כן דייקא עברתם על עבדכם לקבל שפע תמיד, לא בשביל פת לחם של עתה. וכתב עוד, דכמו כן אני אומר מי שזיכה אותו ה' להרביץ תורה ויראת שמים ללמד לתלמידים ולהדריכם בדרך ישרה, ככה יעשה, ויבקש רחמים כמו שהוא מרחם עליהם להשפיע להם באותו שעה מחכמתו ויראתו כפי השגתו, כמו כן יתן ה' חכמה ויראה בלבם תמיד בשבתם בביתם וגו' ע"כ.

ולכן מצינו בדוד המלך בעת רצון שהחזירו ארון הברית, ולבו היה מלא שמחה על כל גדותיו על כבוד התורה, בשעה שהיה מרקד לפני ה', התכוין להמשיך בזה שפע של בני חיי ומזוני להכלל ישראל, כי כבוד התורה חשובה מאד, וסגולתה אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד (משלי ג-טז). ולכן ויחלק לכל העם להמון ישראל למאיש ועד אשה, חלת לחם אחת ואשפר אחד ואשישה אחת (שמואל ב ו-יט), דוד המלך בעצמו חילק לכל אחד, איש לא נעדר, כדי להמשיך לכל אחד ואחד שפע של פרנסה. ואמר הכתוב על דוד שהיה 'מפזז ומכרכר' לפני ה', כי מפזז הוא מלשון פז ופנינים, ומכרכר הוא לשון מזונות ופרנסה כמאמרם (נדה לא:) בא זכר בעולם בא ככרו בידו, זכר זה כר, דכתיב (מלכים ב ו-כג) ויכרה להם כרה (סעודה) גדולה ע"ש. ודוד מפזז ומכרכר, שהתכוין להמשיך להם מזונות ופז ופנינים, שיהיה להם שפע רב בכל עניני גשמיים שלהם ע"כ.

וברקים ממש, עס איז נאר א דמיון. מען איז זיך אזוי מתעצם, כאילו מען שטייט ביים מעמד הר סיני, און מען האט אזא מחשבה ווי קולות וברקים. און דער **ליסקער רב** האט געהערט דעם שמועס, און ער פלעגט נישט צו רעדן שבת און יום טוב נאר לשון הקודש, האט ער זיך אנגערופן, 'לא לא, קולות וברקים ממש, אני יודע שהוא כן'. עס איז קולות וברקים ממש (עיין **בשמן ראש** לשבועות ח"א דף רצ"א).

**האדמו"ר מקאסאן:** די ספרים הק' טייטשן, ויעמוד העם מרחוק, ומשה נגש אל הערפל, אשר שם האלקים (שמות כ-יח), אז עס שטייט אין מדרש (מכילתא בשלח יד) ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל, וואס איז פשט. ברענגט זיי בדרך משל, א מלך האט גערופן זיינע עבדים אז זיי זאלן קומען צו זיין פאלאץ. ווען די פשוטע עבדים זענען אנגעקומען צו די ערשטע טיר, זענען זיי פארגאפט געווארן, און זיי זענען געבליבן דארט שטיין, ווי קען נאך זיין שענער. אבער די בעלי דעת זענען געגאנגען ווייטער. ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל, ווייל ביי יחזקאל איז עס נישט געווען קיין ראיה (עיין **בסידור כתר נהורא** על פסוק זה א-לי ואנוהו, בשם **הבעל שם טוב הק'**). טייטש מען מיט דעם, ויעמוד העם מרחוק, ווען דאס פאלק האט געהערט די קולות וברקים, האבען זיי זיך אפשטעלט, אבער ומשה נגש אל הערפל, משה איז בחינת דעת, איז ער צוגעגאנגען נענטער.

**רבינו:** מען זאגט נאך פון איינע פון די תלמידי הבעל שם טוב, וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק (שמות כ-טו), מען קען זיך שאקלען, אבער עס איז נאך נישט טייטש ווען מען שאקלט זיך, אז מען איז צוגעקומען צו עפעס. זיי זענען נאך אלץ געשטאנען פון דערווייטענס.

## נסיעה לצדיקים בחג השבועות

בניחום אבלים על פטירת הגה"צ **רבי שמואל טייטלבוים זצ"ל**

ראה"כ מעוררי השחר

**א' האבלים:** דער טאטע האט פארציילט, אז ווען ער האט געלערנט אין נייטרא, האט ער געוואלט אריינקומען צום **סאטמארער רב** אויף יום טוב שבועות תשי"ז, און ער איז געגאנגען פרעגן **רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל**, און ער האט אים נישט געוואלט געבן רשות. שבועות איז געווען מיטוואך און דאנערשטאג, און פרייטאג וועסטו נישט צוריקקומען, און שבת אויך נישט, דו וועסט פעלן א האלבע וואך. און מיין זיידע האט גערופן שתדל'ן, און עס איז נישט געווען צו וועם צו רעדן, און מיין טאטע איז געבליבן דארט אויף שבועות. א חודש צוויי שפעטער, איין פרייטאג צופרי, איז צוגעקומען צו אים א בחור, און ער זאגט אים, אז רבי מיכאל בער רופט אים. ער האט זיך זייער דערשראקן. ווען ער איז צוגעגאנגען, האט אים רבי מיכאל בער געזאגט, אז עס זענען דא אפאר עלטערע בחורים וואס פארן צום רבי'ן אויף שבת קיין שערן ספרינגס, און ער גיט אים רשות צו פארן. מיין טאטע האט געזאגט, אז ער האט אים געוואלט מפייס זיין, אבער ער האט שוין לאנג געהאט פארגעסן דערפון. מיין טאטע פלעגט זאגן, איך האב נישט קיין חרטה געהאט צו זיין ביי רבי מיכאל בער אויף שבועות.

**רבינו:** מען זאגט נאך אויף **רבי אהרן קאטלער זצ"ל**, אז א בחור האט אמאל געוואלט אוועקפארן צו זיין רבי אויף שבועות. און רבי אהרן האט אים געזאגט, דו ווילסט אוועקגיין שבועות פונעם בארג סיני?! האט דער בחור געזאגט, אבער משה רבינו איז דארטן...

**א' האבלים:** איך האב געהערט פון רבי אהרן פישער זאל זיין געזונט, אז ווען דער **סאטמארער רב** איז געפארן תשט"ז קיין ארץ ישראל, און די בחורים האבן געוואלט פארן צום צאתכם לשלום, האט רבי מיכאל בער געזאגט, יא, מען קען פארן. אבער פאר מען פארט ארויס, מוז ער ארויפקומען אויפן באס רעדן צו די בחורים. האט ער געזאגט, אריינפארן צו באגלייטן א צדיק איז זייער א חשובע זאך, אבער נאר אויב מען קען אים צוזאגן, אז קיינער וועט נישט ארויסקוקן פון די באס דעם גאנצן וועג אהין און צוריק, דעמאלטס קען מען פארן.

## הר המוריה נתלש ובא לסיני

בביקור כ"ק האדמו"ר מוויזניץ ומסב"ג שליט"א

ב' דחול המועד פסח תשע"ח לפ"ק

**האדמו"ר מוויזניץ-ומסב"ג:** עס איז דא א מעשה, אז דער **צמח צדיק** איז געגאנגען אויף א וויזיט צום **צאנזער רב**, און דער צאנזער רב האט דעמאלטס געהאט ביי זיך איינע פון די גדולים, און בשעת דער צמח צדיק איז געקומען, האט דער צאנזער רב אזוי

געלאזט יענעם אינדערזייט, און ער האט מקבל פנים געווען דעם צמח צדיק. און יענער האט געהאט אזוי חלישות הדעת, אז ער לאזט אים איבער און ער רעדט מיטן צמח צדיק. שפעטער האט מען גזאגט פארן צאנזער רב אז יענער האט חלישות הדעת אז מען האט אים איבערגעלאזט. האט דער צאנזער רב געזאגט, אז עס איז דא צוויי בערג. דער הר סיני וואו דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, און דער הר המוריה וואו יצחק האט זיך געלאזט שחט'ן פארן אייבערשטען. ווען עס איז געקומען צו בויען דעם בית המקדש, האט מען געבויט דעם בית המקדש אויפן הר המוריה. לכאורה פארוואס אויפן הר המוריה, אויפן הר סיני האט מען דאך געגעבן די תורה. איז א סימן אז א פלאץ וואו א יוד איז גרייט זיך צו לאזן שחט'ן פארן אייבערשטען, איז א גרעסערע מדריגה ווי דער בארג סיני. האט ער געזאגט אויפן צמח צדיק, אז ער איז מוכן ומזומן שטענדיג זיך צו לאזן שחט'ן פארן אייבערשטען, איז עס ביי אים געווען א חשיבות[ב].

**רבינו:** עס שטייט אין מדרש (ילקוט רות אות תרב), אז ביי מתן תורה איז הר המוריה נעקר ממקומו, און עס איז געקומען אויף הר סיני. קומט אויס, אז בשעת מען האט געגעבן די תורה, האט מען געגעבן די תורה סיי אויפן הר סיני און סיי אויפן הר המוריה, האט דער הר המוריה געהאט ביידע מעלות. ער האט געהאט תורה אויך (ועיין **בשמן ראש** לשבועות ח"א דף תסח).

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** אין התורה נקנית אלא במי שממית עצמו עליה (ברכות סג:). עס דארף זיין מסירת נפש פאר תורה אויך.

**רבינו:** די גמרא (שבת פח.) זאגט, אז פאר מתן תורה, כפה עליהם הר כגיגית. בפשטות לערנט מען, אז ער האט אויפגעהויבן דעם בארג 'סיני', און ער האט עס כופה געווען כגיגית. איך האב אמאל געזען שטיין, אז דער פשט איז, אז ווען ער האט עוקר געווען הר המוריה, און הר המוריה איז געקומען צו הר סיני, איז דאך עס געקומען אין די לופט, און בעפאר מען האט אראפגעלייגט דעם הר המוריה אויפן הר סיני, האט ער דעם 'הר המוריה' כופה געווען כגיגית, און ווען מען האט מקבל געווען די תורה האט זיך דער הר המוריה אוועקגעריקט, און עס איז ארויפגעגאנגען אויפן הר סיני. – על כל פנים אז די תורה האט מען געגעבן אויף ביידע, האט דאך דער הר המוריה געהאט א חשיבות פון ביידע צדדים.

## בניו של משה לא היו במעמד הנבחר

**בביקור כ"ק האדמו"ר מפינסק קארלין שליט"א**

יום ה' פרשת לך לך תש"פ לפ"ק

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** דער פראנקפורטער (**הרה"ק רבי ישראל מסטולין זצ"ל**) האט געזאגט, אז די גמרא (ר"ה לא.) זאגט, עשרה מסעות נסעה שכינה, וכנגדן גלתה סנהדרין. האט ער געזאגט, יעצט זעהט מען אז די תורה גייט אין גלות אין אמעריקא. בימים ההם איז דאך געווען א שממה דא.

---

[ב] ראה **בשמן ראש** (ח"ט דברים דף קכ) בביאור הדברים, דבודאי תלמוד תורה כנגד כולם, וחשיבות התורה עולה על הכל. אבל זהו רק בתורה המביא אחר כך לידי מעשה, שיתקדש גופו ונפשו עד שיהא מוכן למסור כל רצונותיו לה', ויבטל רצונו מפני רצון קונו. וכמו שפירשו (בתפלת אהבה רבה) בעבור אבותינו שבטחו בך ותלמדם חוקי חיים לעשות רצונך בלבב שלם, אשר אצלם היתה תכלית לימודם חוקי התורה, כדי שיוכלו להוציאם מן הכח אל הפועל, לעשות רצונך בלבב שלם, כן באופן זה תחננו ותלמדנו. ואם התורה לא הביאה את האדם לידי מדה זו, אז אין חשיבות לתורתו, ורק בזכה נעשית לו סם חיים.

ולכן הר סיני, אם כי ניתן עליה התורה וחשובה מאד, מכל מקום אם עדיין אין רואין שם התוצאות, למסור נפשו עבור תורה זו, עדיין לא הגיע למעלתה. אבל הר המוריה אשר שם פשט יצחק את צוארו לציווי ה', ולא הרהר אחר מדותיו של הקב"ה, הר זה עולה במעלתה על הר סיני, ושם נבנה בית ה'. ומדה זו מצא **בהרה"ק מוויזניץ זי"ע** שהוא מוכן בכל רגע למסירת נפש, (נפש זה רצון כמו שנאמר (בראשית כג–ח) אם יש את נפשכם), הוא מוכן לוותר על כל רצונותיו, ולא לעשות רק מה שהוא רצון ה'.

והנה הבית המקדש נקרא בשם צואר, כמו שנאמר (שיר ד–ד) כמגדל דוד צוארך בנוי לתלפיות, ודרשו חז"ל (ברכות ל.) תל שכל פיות פונים בו ע"ש. וטעם הדבר, דהנה איתא בגמרא (זבחים נד:) דשמואל ודוד היו יושבין ברמה, ועוסקין למצוא מקום מן התורה לבית הבחירה, סבור למבנייה בעין עיטם דמידלא, אמרו ניחתי ביה קליל [נעשנו נמוך מעט, ונבנה אותו בירושלים שהיא למטה

כדכתיב (דברים לג–יב) ובין כתפיו שכן [ולא כתיב בראשו] ע"ש. ואם כן מקום המקדש אינו בראשו אלא במקום הצואר בין כתפיו, ולכן הוא מתואר בשם צואר. והוא להורות כי הראש מורה על חכמתו של אדם, שהתורה מונחת לו בראשו. אבל זה בעצמו לא די, אלא צריך שיהיה יראת חטאו קודמת לחכמתו (אבות ג–ט), ומעשיו מרובין מחכמתו (שם), ולכן אין השראת השכינה במקום הראש, שחכמתו גדולה, רק במי שפושט צוארו למסור נפשו לה', שמעשיו מרובין, שם הוא מקום השראת השכינה.

**רבינו:** עס איז שוין איבעראל געווען, מוז עס אנקומען קיין אמעריקא. עס מוז דאך זיין אין אלע מקומות.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** איך האב געהערט נאכזאגן, אז אין תניא שטייט אז די עשרת הדברות זענען אנגעקומען אימעטום, אבער אין אמעריקא נישט (עיין **במאמרי אדמו"ר הזקן** שנת תקס"ב עמוד תע"ו, **ובאגרות מהרש"ב** ח"א עמוד קסא, **ובאגרות מהריי"צ** ח"ב עמוד רלא).

**רבינו:** אין די גמרא (זבחים קטז.) שטייט, אז מען האט געהערט מסוף העולם ועד סופו. - עס איז מיר אלץ געווען א פלא, אז רש"י זאגט אין פרשת יתרו, אז יתרו איז געקומען מיט צפורה ושני בניה, און איין דעה איז דא (שם), אז ער איז געקומען נאך מתן תורה. דאס מיינט צו זאגן, אז יעדער איז געשטאנען ביי מתן תורה, אויסער משה רבינו'ס קינדער, ווייל זיי זענען געווען אין מדין. היתכן אז משה רבינו'ס קינדער זאלן נישט הערן אנכי ה' אלקיך. מוז דאך על כרחך זיין, אז אזוי ווי מען האט עס געהערט מסוף העולם ועד סופו, איז וואו זיי זענען געווען, האבן זיי געהערט.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** עס שטייט אין חז"ל (שם) אז זיי זענען געקומען צו בלעם, צו עס גייט אפשר זיין נאך א מבול.

**רבינו:** איז די חלק צו זיי האבן נישט געהערט איז פארענטפערט. אבער צו זעהן די מראה פון מתן תורה, ווי אזוי דער אייבערשטער קומט אראפ אויפן בארג סיני, האט געפעלט ביי זיי. קען זיין אז וועגן דעם האבן זיי נישט געקענט איבערנעמען די פלאץ פון משה רבינו[ג].

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ב סט:) אז ווען דער רבונו של עולם האט געזאגט פאר משה רבינו (שמות ג-ה) של נעלך מעל רגליך, איז ער געווארן מופשט פון עולם הזה, עד כדי כך אז אפילו זיינע קינדער ווערן שוין נישט מיוחס נאך אים, אזוי ווי עס שטייט (שם יח-ג) ואת שני בניה.

---

## <u>בעצרתא יתפרקון מן גלותא, ובזמני קץ הגאולה</u>

בעת השבעה על פטירת אחיו

***כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל***

יום ב' פרשת שלח תשע"ח לפ"ק

---

**רבינו:** איך זאג אלץ, ווען איך בין געווען אמאל שבועות ביים זיידען (**האדמו"ר מסקאליע זצ"ל**), איך בין נאך געווען א יונגל, פאר די בר מצוה. ער פלעגט צו פירן דעם צווייטען טאג יום טוב א טיש לעילוי נשמת דעם **בעל שם טוב הק' זי"ע**, האט ער געזאגט פארוואס שבועות ווערט אנגערופן עצרת. ווייל עס שטייט אין **חסד לאברהם**, אז תש"ס וועט זיין דער סוף פון תחיית המתים. האט ער געזאגט, אז עס שטייט אין **זוהר הק'** (זוהר חדש ח.) אז אין זכות פון תורה וועלן יודען ארויסגיין פונעם גלות, און מען וועט זוכה זיין צו תחיית המתים. וועגן דעם ווערט שבועות אנגערופן עצרת, ווייל עצרת באטרעפט תש"ס, וואס דעמאלטס וועט זיין דער סיום פון די גאולה.

עס ליגט מיר אזוי אין דיביינער, עס איז געווען בערך תש"כ, און ער האט געזאגט תש"ס קומט הערשט משיח, עס איז אזא דבר רחוק געווען דעמאלטס, איך האב עס נישט געקענט אראפשלונגען, אז עס וועט נעמען אזוי לאנג, ביז עס

---

[ג] **רבינו שליט"א** האריך בזה בסעודה שלישית פרשת יתרו תשע"ח לפ"ק, והוסיף שעל דרך זה היה ביתרו, אם כי מעלתו גדול מאד, שהניח כל כבודו כדי להתדבק בעם ה', מכל מקום לא יוכל להגיע למעלת הפחות מבני ישראל, שראו קריעת ים סוף ואמרו זה א-לי, וראו מעמד הנבחר איך ירד ה' מן השמים על ההר. ולכן ביקשו ממנו 'אל נא תעזוב אותנו', כדי שיראו ישראל תמיד ההפרש ביניהם, וילמדו מזה לקח על גודל מעלת הראייה בעבודת הצדיקים איך שזה עושה רושם. ואמרו לו 'והיית לנו לעינים', ללמוד על גודל חשיבות ראיית העינים, כי יתרו ואשת משה ושני בניה, לא יוכלו להגיע לעולם להתעלות כזו שתהא בבני ישראל, שראיית קריעת ים סוף ומעמד הנבחר השפיע עליהם, ועשה רושם עז בהם על כל ימי חייהם ע"כ (ועיין עוד **בשמן ראש** חלק אחד עשר במדבר דף שסא).

יצויין עוד בזה מה שהאריך **רבינו שליט"א** בדרשת ז' אדר דהאי שתא, במה שמצינו שנכדו של משה נעשה כומר לעבודה זרה לצורך פרנסתו (בבא בתרא קט:), כי יתכן שבהיות שמשה רבינו לא היה לו רגע פנוי לעצמו, בהיותו רבן של ששים רבוא מישראל, אשר כל העם נצב עליו מן הבקר עד הערב, זו היתה סבה שחסר היה מבניו ונכדיו להיות להם קשר טבעי של אהבה, כאב עם בנו וכזקן עם נכדו, שלא הושפעו ממנו ישירות להיות עושה עליהם רושם שהם נכדי משה רבינו, ולא מתאים להם לעשות דברים שאחרים יכולים לעשות, ועל כן יתכן היה שיהיה להם התדרדרות כזו ע"כ. ורעיון זה מצינו ראינו לאב ובנו שראו את החידוש, הלא המה **מרן החתם סופר זי"ע** בספרו **בתורת משה** בפ' במדבר (ד"ה ואלה תולדות אהרן ומשה), **וכתב סופר** בפ' שמיני (ד"ה ויקריבו) שבניו של משה לא היו כדבעי למהוי כמבואר במדרש (במ"ר כא-יד), לפי שמשה רבינו היה טרוד עם הצבור, ולא היה לו פנאי למשכם לתורה יעו"ש, ועיין עוד **בכלי יקר** (פ' פנחס ד"ה עלה אל הר העברים).

וועט אנקומען. און היינט האלט מען שוין תשע"ח, און אונז זיץ מיר נאך דא אין גלות..

**האדמו"ר מסקאליע:** איינער איז אריינגעקומען צום זיידען ז"ל תשל"ו, און ער האט געזאגט אז עס שטייט אין **ליקוטי תורה** פונעם **אר"י הק'** אז תשל"ו איז קץ הימין, צו ער זאל פארקויפן זיין הויז. האט אים דער זיידע געזאגט, עולם כמנהגו נוהג, יעדער איינער זאל טון אזוי ווי ער טוט, און ווען ער וועט קומען, וועט עס זיין.

**רבינו:** ווען דער ברודער (אב"ד תו"א זצ"ל) האט חתונה געהאט אין **תולדות אהרן**, איז געווען תשכ"ט, און דער טאטע האט זיך אויסגעהאנדלט זיבן יאר קעסט, ביז תשל"ו, ווייל פון תשל"ו וועט זיך משיח זארגען.

**האדמו"ר מסקאליע:** עס איז דא פונעם **קאזיגלוב'ער רב**, אז דער זמן וואס שטייט אין **זוהר הק'** און די זמנים נאכדעם, יעדע פון די זמנים איז נישט לריק. דער בית המקדש דארף אראפקומען פון אצילות צו בריאה, פון בריאה צו יצירה, פון יצירה צו עשיה, יעצט איז עס צו קאפ'נס, אזוי האט דער קאזיגלוב'ער געזאגט.

**רבינו:** אין **נזר הקודש** (ב"ר צח-ג) שטייט, אז דער באשעפער איז משנה עתים ומחליף את הזמנים, די אלע זמנים וועלן צוזאמקומען צוזאמען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **שינאווער רב** האט דאך געהאלטן אז אין תרס"ו קומט משיח.

**רבינו:** סתר"ו יושר.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער איז אוועק אין שנת תרנ"ט. אין די הייליגע טעג פון תרנ"ט האט ער געזאגט, ברוך ה' מען האט שוין אריינגעטרעטן אין שבוע שבן דוד בא בו. **די טאטע ז"ל** פלעגט דערציילן אז ער האט געהערט פון א אייניקל פונעם שינאווער רב, אז א יוד איז געקומען צום **שינאווער רב**, און ער פרעגט אים אז ער האט צוויי ברירות, מען טראגט אים אן אז ער זאל אפקויפן א גרויסע גוט פאר חצי בחנם. עס איז ווערט צען מיליאן דאלער, און ער קען עס אפקויפן פאר א מיליאן דאלער. אדער קען ער עס אפדינגען און צאלן שכירות, וואס ער זאל טוהן. זאגט אים דער שינאווער רב, אין תרס"ו קומט דאך משיח. נו, עס איז דאך יעצט דא אכט יאר ביז אהין. נו, אכט יאר וויפיל שכירות דארף מען שוין באצאלן, הונדערט טויזנט דאלער א יאר, בין תרס"ו איז אכט הונדערט טויזנט דאלער. וואס האסטו עס פון אפקויפן, בעסער איז, אז דו זאלסט עס נעמען פאר שכירות. און עס איז דארט געזעסן איינער פון די אייניקלעך, און ווען דער יוד איז ארויס געגאנגען, האט ער געזאגט, זיידע, פארוואס האסטו אים נישט געלאזט אפקויפן דעם הויז, אז משיח וועט קומען, וועט מען דאך ממילא אויסרייסן פונעם גוי די גאנצע גועלט. זאל ער קודם כל אפקויפן די הויז, און ווען משיח וועט קומען, וועט מען ממילא צוריק האבן דאס גאנצע געלט. און דער שינאווער רב האט זיך נישט געלאזט, משיח קומט תרס"ו, און עס איז א עבירה אויסצוגעבן געלט.

## במעלת וחשיבות לימוד התורה והמסתעף

**לימוד תורה לשמה בזמנינו**

בעת השבעה על פטירת אחיו

**כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל**

יום ב' פרשת שלח תשע"ח לפ"ק

**רבינו:** איך האב אמאל געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, ער איז געווען א תלמיד פונעם זיידן דער **שאמלויא'ער רב זצ"ל**, ער האט געלערנט ביי אים אין די ישיבה. און בשעת ער האט געלערנט ביי אים, איז געקומען א יונגערמאן זיך פארהערן יורה דעה, ער האט גענומען התרת הוראה. און דער זיידע, דער שאמלויא'ער רב זצ"ל האט אים פארהערט, און ער איז ארויס פון התפעלות ווי אזוי דער יונגערמאן האט געקענט. און ער האט אים גערופן, אז ער זאל קומען עסן די מיטאג סעודה צוזאמען מיט אים. און מיין טאטע ז"ל איז אויך געזעסן דארט ביים טיש. און דער שאמלויא'ער רב האט אנגעהויבן משבח צו זיין דעם יונגערמאן אז ער האט אזוי פיין געקענט, און ער האט אזוי פיין געענטפערט, איך זעה אז דו האסט דיך

אסאך געפלאגט אויף תורה. האט זיך דער יונגערמאן אנגערופן, אבער אונזער תורה איז תורה שלא לשמה. האט זיך דער שאמלויא'ער רב אנגערופן, איך וועל דיר זאגן צוויי זאכן. איינס, עס איז היינט נישט דא תורה שלא לשמה. יעדע תורה וואס א יוד לערנט, איז לשמה. דו לערנסט תורה שלא לשמה, כדי מען זאל דיך מכבד זיין?! ווען דו וואלסט אריינגעלייגט די צייט וואס דו האסט געלערנט תורה, אין מילי דעלמא, וואלסטו מצליח געווען. און מען וואלט דיך אויך מכבד געווען אויף א אנדערן אופן. און מען וואלט דיך מכבד געווען מער פון וואס מען איז היינט מכבד א תלמיד חכם. קומט אויס, אז דאס וואס דו לערנסט תורה, איז תורה לשמה.

צווייטענס, דו זאגסט אז דו לערנסט תורה שלא לשמה. דו זאלסט וויסען, אז תורה שלא לשמה איז בוקע רקיעים! חז"ל זאגן, אז מען דארף לערנען תורה שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה (פסחים נ:). דיין תורה וואס דו האסט געלערנט איז בוקע רקיעים. אפילו מען לערנט תורה שלא לשמה, פון דעסטוועגן דאך האט עס א געוואלדיגע חשיבות.

**האדמו"ר מגאלאנטא:** דער **ברעזשאנ'ער רב זצ"ל** איז אלץ יונגערמאן קראנק געווען, און ער האט געחלומ'ט אז ער איז אין בית דין של מעלה, און מען איז אים דן למיתה, ווייל ער לערנט נישט תורה לשמה. איז געקומען א צדיק, און ער האט געזאגט, אז אין דעם דור, אז א יונגערמאן לערנט, ווילט עטץ אז עס זאל זיין תורה לשמה. ער וועט ווערן געזונט, און ער וועט ווייטער לערנען, וועט עס שוין זיין תורה לשמה. און ער איז געזונט געווארן. שפעטער איז ער געווען ביים **זידיטשובער רבי'ן** (**הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע**) האט ער געזעהן אז ער איז געווען דער וואס האט ממליץ געווען אויף אים אין בית דין של מעלה. און ווען ער איז אריינגעקומען האט אים דער זידיטשובער רבי געפרעגט, נו, האסט שוין געלערנט תורה לשמה?!

**א' מהנוכחים:** איך מיין אז עס שטייט, אז עס איז געקומען א מלאך, און האט אוועקגעבלאזן זיין גאנצע תורה, ווייל עס איז תורה שלא לשמה.

**האדמו"ר מגאלאנטא:** עס איז געדרוקט אין די הקדמה פון **תכלת מרדכי**.

**רבינו:** אויף שלא לשמה קען מען טון היינט בעסערע זאכען ווי צו לערנען. סיי פאר פרנסה, און סיי פאר כבוד.

**האדמו"ר מגאלאנטא:** תורה לשמה שטייט אין די ספרים אז עס איז ללמוד וללמד, לשמור ולעשות. וויסען ווי אזוי צו זיין א יוד, דאס איז תורה לשמה.

---

## אהבת תורה ויראת שמים

**במעמד חלוקת פרסים לבחורי ישיבתינו הק'**

מוצאי שב"ק פרשת חיי שרה תשע"ד לפ"ק

---

**..די** חשיבות פון תורה איז, ווען מען האט די הקדמה וואס מען דארף האבען צו תורה, דרך ארץ קדמה לתורה, אז מען לערנט תורה ערליך, מיט יראת שמים. תורה מיט ערליכקייט, דארפן זיין צוזאמען. תורה דארף זיין אינאיינעם מיט תפלה, יפה שיחתן של עבדי אבות. מען דארף זיין אויסגעארבעט אין מדות טובות, און טון וואס מען דארף צו טון, אפילו ווען עס קומט אן שווער, און אפילו ווען ער האט אייגענע אינטערעסן, פונדעסטוועגן דאך זאל מען טון וואס דער רבונו של עולם וויל. תורה טוט אויסאיידלען דעם מענטש, אבער דאס אלעס איז מען נאר זוכה, אז מען לערנט פלייסיג, טוט עס העלפען אז מען זאל זיך קענען אויסאיידלען די מדות.

**איך** האב די וואך געהערט, אז דער **מונקאטשער רב** זאל זיין געזונט האט פארציילט, אז ער האט אליין געהערט פון **רבי פנחס הירשפרונג זצ"ל**, ער איז געווען א גרויסע תלמיד חכם, און ער האט געקענט כל התורה כולו, ער איז געווען רב אין מאנטריאל, און ער איז געווען א תלמיד פון ישיבת חכמי לובלין, און יעדן שבת, פון פרייטאג צו נאכטס ביז מוצאי שבת, האט ער מסיים געווען גאנץ מסכת שבת. אין איין שבת האט ער איבערגעחזר'ט נישט ניינציג בלאט, נאר כמעט הונדערט און זעכציג בלאט.

**אין** ישיבת חכמי לובלין איז געווען דער משגיח רוחני **רבי שמעון'לע זעליחובער זצ"ל**, און מען האט דערציילט פאר רבי שמעון'לע, אז עס איז דא א בחור וואס זיצט א גאנצן שבת, און ער הארעוועט און ער חזר'ט איבער מסכת שבת. האט רבי שמעון'לע געזאגט, איך וויל זעהן ווי אזוי ער לערנט. דער גאנצער עולם וואס איז געווען ארום רבי שמעון'לע איז ארויפגעגאנגען אין בית המדרש, באזוכען רבי פנחס. רבי פנחס האט געזאגט, אז דאס וואס ער איז ארויפגעקומען מיטן גאנצן עולם, איז געווען אזא כבוד, אז עס לאזט זיך גארנישט זאגען, וואס דאס מיינט.

**רבי** שמעון'לע קומט אריין ביי די טיר, און מען ווייזט אים אן, דער בחור דארט, חזר'ט איבער גאנץ מסכת שבת. עס איז געווען זומער, און רבי פנחס איז געזעצן אין בית המדרש, און ער איז געזעצן און ער האט געלערנט אן די רעקל. האט זיך רבי שמעון'לע אנגערופן, דאס איז עס, אזוי לערנט מען?! מען לערנט תורה אָן א רעקל. און ער איז ארויסגעגאנגען פון בית המדרש, און ניטאמאל צוגעגאנגען צו אים, זעהן ווי אזוי ער לערנט.

**דאס** איז טייטש, אז די חשיבות פון תורה איז, ווען די תורה איז מיט א יראת ה'. מען לערנט ערליך, און מען לערנט מיט יראת שמים. ער לערנט, כדי ער זאל וויסען וואס ער דארף צו טון. דאס איז די חשיבות פון תורה, אז מען זיצט און מען לערנט תורה פלייסיג, און עס קומט דערמיט דערצו, יראת ה' טהורה עומדת לעד. אז מען זאל געדענקען וואס מען לערנט, און מען זאל קענען וואס מען לערנט, איז דאס פארבינדען מיט יראת שמים.

## יראת חטאו קודמת לחכמתו

**בסעודה שלישית שבת התוועדות תלמידי ישיבתינו הק'**

*שבת קודש פרשת ויגש תשע"ט לפ"ק*

**איך** האב די וואך געהאט א חלום, און איך וועל עס איבערזאגן. איך האב גע'חלומ'ט אז א יוד, א תלמיד חכם, האט מיר געפרעגט, מען ווייסט דאך אז דער עיקר איז תורה, דער עיקר איז זיצן און לערנען. מען וואלט געדארפט רעדן פאר די בחורים נאר פון תורה. אז יעדע פרייע צייט וואס מען האט, זאל מען זיצן און לערנען. און דערווייל איז נישט אזוי. מען זיצט טאקע און מען לערנט פלייסיג, מען גיט אוועק צייט פאר תורה, אבער מען מאכט ליל שישי'ס, מען פארברענגט שבתים, מען זיצט מיט זמירות שירות ותשבחות, מען רעדט דרשות און זינגען וכדומה. מען וואלט געדארפט דאס אלעס ארויסשניידן פונעם חלק פון די ישיבה, וויסן אז עס איז נישט דא עפעס אנדערש, נאר תורה.

**האב** איך אים געענטפערט [איך ווייס נישט צו בהקיץ וואלט איך אים אזוי געענטפערט, אבער אין חלום האב איך אים יא אזוי געזאגט]: האב איך אים געפרעגט, וואס האסטו געגעסן נאכטמאל? רעכן מיר אויס. האט ער מיר געזאגט, איך בין אהיימגעקומען, איך האב מיך געוואשן, איך האב געגעסן ברויט, נאכדעם איז געווען א פארשפייז, מען האט געגעבן זופ, מען האט געגעבן פלייש, און א נאך שפייז, און איך האב געבענטשט. האב איך אים געפרעגט, וואס האט דיך געשפייזט בעיקר פון וואס דו האסט געגעסן? האט ער געזאגט, ברויט. ולחם לבב אנוש יסעד (תהלים קד-טו), לחם איז משביע, ברויט דאס שפייזט, דאס איז דער עיקר פון די סעודה. אלעס וואס ליגט נעבן דעם, איז נאר א טפל צו דעם פת. מען מאכט נישט קיין ברכה דערויף, ווייל עס איז א טפל צו דעם פת. האב איך אים געפרעגט, פארוואס האסטו אויך געגעסן די איבריגע מאכלים, עס איז דאך גענוג אז דו זאלסט עסן ברויט. און טאמער דו ביסט נישט זאט געווארן פון וואס דו האסט געגעסן, און דו דארפסט נאך, האסטו געקענט צו עסן נאך א שטיקל ברויט. פארוואס האסטו געדארפט עסן זופ, און פלייש, און קאמפאט, ווי דער סדר איז? זאגט ער, ווייל אז מען עסט ברויט אליין, ווערט עס צוגעגעסן. כדי איך זאל שפירן א טעם אין דעם ברויט וואס מען עסט, מוז מען האבן דערצו זייטיגע מאכלים. מען דארף עפעס ארויפלייגן דערויף, מען דארף עפעס צועסן דערצו, דעמאלטס קען מען שפירן די אמת'דיגע שביעה וואס איז דא אין לחם.

**האב** איך אים געזאגט, די זעלבע איז אויך מיט תורה. תורה איז לחם, תורה איז ברויט, לכו לחמו בלחמי (משלי ט-ה), צו תורה דארף מען האבן, ווי אזוי מען זאל זאט ווערן פון תורה. עס דארף האבן אסאך זאכן ארום און ארום, וואס זאלן צוגעבן דערצו. תורה אן יראת שמים איז נישט קיין תורה, מען דארף האבן ערליכקייט, מען דארף האבן מדות טובות, ווען א יוד טוט א מצוה דארף ער שפירן א התלהבות דקדושה, מען מוז האבן די איבריגע זאכן. דער עיקר איז טאקע תורה, אבער די איבריגע זאכן וואס מען גיט פאר א בחור אין די ישיבה, דאס אלעס איז דער צושפייז וואס מען גיט צו, צו דעם ברויט. מען דארף טאקע וויסן, אז דער עיקר איז תורה, און אלעס ארום און ארום איז נאר כדי אז מען זאל שפירן א טעם אין די תורה! אז די תורה זאל נישט זיין ווי א עול, די תורה זאל נישט זיין ווי א משא אויפן מענטש, מען זאל שפירן א חשקת התורה. צו דעם פעלט אויס די זאכן ארום און ארום, וואס זאלן צוגעבן דערצו אז מען זאל קענען זוכה זיין צו תורה.

**לימוד תורה בעמלות מתוך הדחק**

במסיבת לחיים ביומא דהילולא של זקינו
**הגה"ק רבי חיים יהודה דייטש זצ"ל**
**דומ"ץ מאקאווא, בעמח"ס אהבת חיים**
ב' דחוה"מ סוכות תשע"ה לפ"ק

**דער** זיידע זכרונו לברכה איז געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבשם זצ"ל**, פון די צוועלף יאר, ביז די צוואנציג. ער האט חתונה געהאט אין חוסט, און ער האט ממשיך געווען צו גיין צו די שיעורים פונעם ערוגת הבשם אויך נאך די חתונה, אזוי ווי א בחור אין ישיבה.

**דער** זיידע האט נישט געהאט קיין שטארקע קאפ אלץ בחור, אבער ער האט זייער פלייסיג געלערנט, און דאס האט אים אויסגעשארפט. ווען איך בין געווען מנחם אבל זיין די קינדער פון רבי משה הענדלער ע"ה וואס איז יעצט אוועק, האבען זיי פארציילט, אז זייער זיידע רבי ברוך הענדלער איז געווען א תלמיד פונעם ערוגת הבשם אסאך יארן. ער איז געווען א גרויסער חריף, און דער **ערוגת הבשם** האט אים געשטעלט אז ער זאל לערנען מיט זיינע קינדער. ער האט געלערנט מיט **רבי אברהם יוסף**, און מיטן **ויגד יעקב**, און זיי האבען גערופן דעם רבי ברוך, מיטן טיטל 'רבי'. און מיין זיידע דער **מאקאווער דיין** האט אויך געלערנט דעמאלטס ביים ערוגת הבשם, און ער האט געהאט א שוואכן קאפ, אבער ער האט זייער פלייסיג געלערנט. און רבי ברוך האט אמאל געזאגט פארן ערוגת הבשם, וואס וועט אויסוואקסען פון רבי חיים לייב?!, האט אים דער ערוגת הבשם געזאגט, ער וועט אויסוואקסען א גרויסער תלמיד חכם.

**יארן** שפעטער האבען זיי זיך געטראפן ערגעץ אין פעסט, און רבי ברוך האט אנגעפאנגען צו רעדן מיטן זיידען אין לערנען, און ער האט געזען אז ווי ער רעדט מיט אים אין לערנען, האט ער איבערנאל געוויסט. האט ער אים געפרעגט, רבי חיים לייב, ווי איז דאס צוגעקומען צו דיר. האט ער אים געזאגט, איך האב מיך אסאך געפלאגט, בין איך צוגעקומען דערצו. האט ער געזען אז עס איז מקויים געווארן וואס דער ערוגת הבשם האט געזאגט, אז ער וועט אויסוואקסען א תלמיד חכם.

**דער** זיידע האט נישט געהאט קיין פרנסה, און ווען מען האט גענדארפט חתונה מאכען די קינדער, האט מען גענדארפט גיין נאך געלט. אמאל איז ער געפארן קיין פרעשבורג צוזאמצושטעלן געלט, און אין פרעשבורג איז דעמאלטס געווען **רבי דוד וועסעלי זצ"ל**, וואס איז געווען פונעם בית דין. און עס איז אויסגעקומען אז דער רבי דוד האט געשמועסט מיטן זיידען אין לערנען, און ער האט אים געפרעגט, פארוואס ער איז געקומען. האט ער אים געזאגט, אז ער דארף חתונה מאכען, איז ער געקומען נאך געלט. האט אים רבי דוד געזאגט, איר וועט נישט ארומגיין דא מאכען געלט, נאר איר וועט איינשטיין ביי מיר א וואך, און איך וועל אייך צוזאמשטעלן דאס גאנצע געלט וואס איר דארפט האבן. עס איז נישט קיין כבוד, אז אזא תלמיד חכם זאל גיין נאך געלט. דער רבי דוד האט געזאגט, אז איך בין אזוי נתפעל געווארן, ווייל דער זיידע האט געמאכט א חיבור אויף מסכת נדה, און אויפן **חמודי דניאל**. און געוויינליך ווען מען שמועסט אין לערנען, איז פון דעם וואס מען איז היימיש, פון דעם שמועסט מען. אבער איך האב געשמועסט מיט אים שעות אין לערנען, און ער האט קיינמאל נישט גערעדט פון די ענינים וואס ער האט געמאכט דערפון זיין ספר. איז א סימן אז ער איז טאקע א תלמיד חכם.

**ער** האט זייער פלייסיג געלערנט, זיינע דברי תורה איז געפלאגטע דברי תורה, ער האט זיך געמוטשעט אויף יעדע זאך. אין זיין שטוב האט מען נישט געהייצט א גאנץ ווינטער. ער איז געזעסן אין זיין ספרים שטוב מיט א דאכענע, אמאל איז ווינטער געווען קאלט, און עס איז נישט געווען אזוי ווי היינט אז מען האט סטי"ם. ווען ער איז געגאנגען שלאפן, האט ער אויסגעטון זיין רעקל, און זיך איבערגעדעקט דערמיט. ער האט נישט געהאט קיין געלט צום הייצען. ער האט געהאט א שטוב פון זיבעצן קינדער. מיין מאמע ע"ה פלעגט צו זאגען, אז מען האט קיינמאל נישט אריינגערופן א קינד צו עסן נאכטמאל. און ווען א קינד האט געבעטן, האט מען געזוכט וואס מען קען אים געבן. מען האט זיך געפרייט אז מען בעהט נישט. אזוי גרויס איז אמאל געווען דאס עניות.

**איך** האב געהערט פון מיין מאמע ע"ה, אז ער האט געהאט א חבר וואס האט געלערנט מיט אים ביים ערוגת הבשם. און דער חבר האט גענדארפט חתונה מאכען, און ער איז ארומגעפארן נאך געלט, און ער איז אנגעקומען קיין מאקאווא. און ער איז

ארייגעגאנגען צום זיידען, צו זיין חבר פון ישיבה. און זיי האבן געשמועסט, אז ער מאכט חתונה, און ער איז געקומען נאך געלט. און בתוך הדברים זאגט אים דער חבר, אז ער האט נאך א טאכטער אין די רייע וואס זי דארף א שידוך. און דער זיידע האט געהאט דעמאלטס א בחור אין די רייע, און ער האט געטראכט, אפשר איז עס א גוטע שידוך. דעם חבר'ס טאכטער מיט זיין זון. מיטאג איז דער זיידע אראפגעקומען עסן, און די מאמע ע"ה האט פארציילט, אז זי איז געווען דארט ביים טיש, און דער זיידע זאגט פאר די באבע, אז מיין חבר פון ישיבה איז דא געווען, און ער האט א טאכטער, און אונז האב מיר א זון, אפשר וואלט עס געווען א גוטע שידוך. זאגט די באבע, דו זעהסט דאך אז ער גייט נאך געלט פאר דעם שידוך, האט ער דאך גארנישט. און דו האסט אויך גארנישט. ווי אזוי טראכטסטו צו טון אזא שידוך. האט דער זיידע געענטפערט, 'דער באשעפער האט'?!... און דער שידוך איז געווארן. האט די מאמע ע"ה געזאגט, אז דער קינד האט שפעטער מצליח געווען, און ער איז געווען שפעטער דאס רייכסטע קינד פון אלע קינדער, און מען האט שוין געווארט אויף יום טוב, אז ער זאל שיקן א פעקל, א בגד, א מלבוש, וכדומה. אז דער באשעפער האט, איז דא!

## לחדש חידושי תורה באמצע התפלה

בעת השבעה על פטירת אחיו

**כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן ומסב"ג זצ"ל**

יום ב' פרשת שלח תשע"ח לפ"ק

**האדמו"ר מבורשטין:** מיין זון (הרה"ג **רבי זיידא אייכנשטיין שליט"א** חתן **אב"ד תו"א זצ"ל**) האט מיר געזאגט, אז יעדן טאג נאכן דאווענען האט ער (חותנו זצ"ל) געשריבן חידושים וואס ער האט מחדש געווען ביים דאווענען. עס דארף זיין מן הסתם אסאך אפגעשריבן. מן הסתם איז עס ווארימע זאכן.

**הרה"ג רבי חיים יהודה כ"ץ שליט"א בן אב"ד תו"א זצ"ל:** ער האט אזוי שיין געטייטשט אויף די ווערטער, עס איז נישט געווען אריינגעקוועטשט.

**הרה"ג רבי אהרן כ"ץ שליט"א אב"ד תו"א וומסב"ג:** יעדע שבת'דיגע סעודה, נאכן דאווענען ווען מען איז ארויפגעקומען פלעגט ער זאגן, היינט ביים דאווענען האב איך געטראכט אזוי, און געזאגט עטליכע פשטים.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **טאטע ז"ל** פלעגט אויך זיצען נאכן דאווענען און שרייבען. דאס תהלים (**תהלים ויאמר יהושע**) איז אלעס פון נאכען דאווענען. מחשבות זרות וואס זיי האבן געהאט ביים דאווענען.

**האדמו"ר מבורשטין:** דער **צאנזער רב זי"ע** פלעגט זאגן, אז דאס איז חטאת נעורים, אז מען האט פארענטפערט א תוספות אינמיטן די שמונה עשרה. ער האט אמאל געזאגט, וואס טוט מען מיט די חטאת נעורים. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, וואס איז דעם טאטנס חטאת נעורים, אז אינמיטן די שמונה עשרה האט ער פארענטפערט א שווערן תוספות, אדער א שווערן רמב"ם.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דאס איז נאך בעסער. א שווערער **רמב"ם** איז פארט א זייטיגע זאך, אבער אין די ווערטער פונעם דאווענען אז עס פאלט איין א געדאנק, איז עס נאר מוסיף אז ער דאווענט מיט נאך מער כוונה, ער איז נאך טיפער אריינגעגאנגען אינעם גדול ה' ומהולל מאד, עס איז נישט דא קיין שיעור עד היכן הדברים מגיעין, עס איז א חלק פון דאווענען.

**האדמו"ר מבורשטין:** אין **קונטרס התפלה** פונעם **מהרש"ב**, איז ער מאריך אין דעם, אז מען זאל זיך מתבונן זיין אין די ווערטער פונעם דאווענען.

זיי ברענגען אויך אז דעם גאון **רבי משולם איגרא'ס** אייניקעל איז אמאל געווען ביים **צאנזער רב**, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל עפעס דערציילן פון זיין זיידען. האט ער געזאגט, אז ביי שמונה עשרה בייסט ער זיך די פינגער עד זוב דם, ער זאל קענען אינזין האבען די שמונה עשרה, און נישט טראכטען פון חריפות. און דער **צאנזער רב** האט זיך אנגערופן, ביי אונז, ווען מיר דאווענען שמונה עשרה, פארגעסן מיר פון די תורה. דאס הייסט אז ער ליגט אינגאנצן אינעם דאווענען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער זיידע דער **סערדאהעלער רב זצ"ל** האט נאכגעזאגט פון זיין זיידען דער **קול אריה זצ"ל**, אז ווען ער איז געווען א יונגערמאן איז אים די בעסטע חידושים איינגעפאלען אינמיטן די שמונה עשרה. און זייט איך בין געווארן א חסיד, האט זיך דאס אלעס אויפגעהערט.

**א' מהנוכחים:** ער האט געהאט די כח המעצר.

**הרה"ג רבי חיים יהודה:** ער האט געזאגט אז עס 'האט זיך' אויפגעהערט, נישט אז 'ער האט'...

**רבינו:** היינט זענען אויך דא וואס זאגן אז עס האט זיך אויפגעהערט ביי זיי. עס האט זיך קיינמאל נישט אנגעהויבן...

## בענין לימוד טור בית יוסף, והלימוד בגמרות מבוארות

בביקור אצל אחיו

**כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**

יום א' דחוה"מ פסח תשע"ד לפ"ק

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **בעלזער רב ז"ל** האט פארציילט, אז דער **מגן אברהם** איז געווען א מלמד אין די שטאט קאליש, און ער פלעגט שרייבען פאר זיך קליינע צעטלעך פון חידושים. איינמאל האט דער רב געזען ווי אזוי דער מגן אברהם שרייבט, האט ער זיך אנגערופן, אברמ'לע דו שרייבסט שוין אויך?! האט דער בעלזער רב געזאגט, דעם רב'ס ספר ווייסט כמעט קיינער נישט וואס עס איז, אבער דעם מגן אברהם לערנט מען איבעראל.

**רבינו:** עס שטייט אין **שבט הלוי** (ח"ב יו"ד סימן נ"ז), אז דער **חזון איש** האט אים געזאגט, אז אין די יוגענט האב ער געלערנט אסאך **טור בית יוסף**, און די חברים האבען אים געזאגט, אז ער וועט אויסוואקסען א מלמד. און ער האט צוגעענדיגט, ב"ה אז איך בין געווארן, וואס איך בין געווארן.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **נאוואמינסקער רבי'ס טאטע** האט געוואוינט אין קרוינהייטס, לא פסיק פומיה מגירסא. ער האט פארגעלערנט יעדן טאג א שיעור טור בית יוסף, נישט קיין שלחן ערוך. אסאך קוקען היינט אפילו נישט אן דעם טור בית יוסף. מען לערנט שלחן ערוך, און מען ווייסט ניטאמאל אז עס עקזיסטירט א טור בית יוסף.

**רבינו:** עס איז געווען יעצט (י"ג ניסן), די יארצייט פונעם **בית יוסף**. איך האב געזען צוברענגען פונעם **שם הגדולים** (מערכת הספרים אות ב'), אז בימיו פונעם בית יוסף, זענען געווען דריי גדולים וואס זענען געווען ראוי צו מאכען אזא חיבור. דער **בית יוסף**, דער **מהר"י בן לב**, און דער **מהר"י טאיטצק**. און מען האט געפסק'נט אין הימל, אז דער בית יוסף זאל זוכה זיין דערצו, וועגן זיין עניוות.

ווען עס איז ארויסגעקומען דער בית יוסף, האט דער מהר"י בן לב געאסר'ט פאר די תלמידים צו לערנען בית יוסף, ווייל עס וועט נשתכח ווערן תורה. ביז דעמאלטס האט מען געלערנט טור, און ווען מען האט געוואלט פארשטיין וואס דער טור זאגט, האט מען געדארפט קענען די מסכת. אבער אז מען וועט האבען א פארטיגען בית יוסף, וועט מען נישט לערנען די מסכת. האט ער געזאגט פאר די תלמידים, אז ער לאזט נישט לערנען בית יוסף. און ער פלעגט פארלערנען די טור פאר די תלמידים, און אויף יעדע שטיקל טור האט ער אויסגערעדט די גאנצע מהלך פון די גמרא. דעם אנדערן טאג, האט ער פארגעלערנט א שטיקל טור, און ער האט נישט געוויסט די מקור. האט ער געזאגט, לאמיר זעהן וואס דער בית יוסף זאגט. און ווען מען האט אריינגעקוקט, האט מען געזעהן די מקור פון די הלכה אין די גמרא. און דער מהר"י בן לב האט האט אויך געוויסט די גמרא, נאר ער האט עס יעצט פארגעסן. האט ער פארשטאנען, אז מן השמים וויל מען, אז מען זאל לערנען בית יוסף, האט ער מתיר געווען פאר די תלמידים צו לערנען בית יוסף.

מען האט אמאל געלערנט טור אן דעם בית יוסף, און די תלמידים האבען געדארפט קענען די גאנצע מסכת, און בשעת מען האט געגעבן דעם שיעור, האט מען געקענט אראפלייגען די גאנצע סוגיא, מיט די ראשונים ווי אזוי יעדער האלט, און פארוואס דער טור האט אזוי געפסק'נט. דאס מיינט, אז וואס דער בית יוסף האט געמאכט, אזוי האבען בחורים געלערנט אין ישיבה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז היינט שוואכע דורות.

*

**רבינו** (אחר שנסוב השיחה אודות הגמרות שבהוצאות ארטסקרול): פון איין זייט נעמט עס אוועק א חלק פון די יגיעה, וואס מען האט זיך אמאל געפלאגט צו זעצן די ווערטער, און פארשטיין וואס די קשיא איז געווען, און וואס די תירוץ איז געווען. אבער פאר דעם תלמיד חכם וואס ער קען שוין זעצן די גמרא, באקומט ער תיכף די גאנצע ידיעה פון די גמרא, און ער קען תיכף אנהייבען צו גיין אסאך טיפער אין די גמרא. אין יגיעת התורה איז דא אסאך טיפער, צו וואס ער איז ביז יעצט נישט צוגעקומען. ער האט שוין תיכף די מהלך פון די סוגיא, און ער גייט שוין אנדערש צו צום תוספות.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **תניא** האט אמאל געזאגט פארן **צמח צדק**, אז ער וויל אים מגלה זיין עפעס א נייעם ענין. און דער צמח צדק האט נישט געוואלט הערן. און ער האט געזאגט, אז דער אייבערשטער וועט אים שוין העלפען, אז ער וועט צוקומען דערצו מיט זיין אייגענעם יגיעה. און אויף דער עלטער האט דער צמח צדק געזאגט, אז ער האט חרטה אויף דעם. ווייל די תורה האט דאך נישט קיין שיעור, און אז ער וואלט מיר דאס מגלה געווען, וואלט איך מיר

געקענט פלאגען צוצוקומען צו נאך העכער'ס. מען קען זיך אייביג פלאגען. און ווער זאגט אז איך מוז מיך פלאגען דא, איך קען מיך פלאגען אויף נאך העכער'ס.

**רבינו:** א צווייטע מעלה וואס עס האט. ממילא ווען מען לערנט יעצט די מסכת פון פסחים, פלאגסטו דיך אויף די מסכת וואס דו לערנסט יעצט. אבער ווען ער דארף נאכקוקן א גמרא אין א צווייטע מסכת, וואס ער ווייסט נישט וואס עס טוט זיך דארט ארום און ארום, קען ער האבען א טעות אין די מהלך פון די גמרא. אבער ווען ער עפענט 'די' גמרא, זעהט ער תיכף וואס עס איז די מהלך פון די גמרא, און אין וואס ער האט זיך טועה געווען, און ווער עס שטעלט זיך דערויף. און דאס איז ווען מען איז נישט אינעם ענין.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** און ווער רעדט נאך פאר די טויזענטער פשוטע יודען וואס עס האט געהאלפן. ער פלאגט זיך ממילא נישט, ער גייט דאך צו א שיעור, און דא האט ער דעם שיעור געשריבען.

**רבינו:** אין אגדה לייגט ער אויך אראפ ווי אזוי די מפרשים טייטשען אריין דעם פסוק. און ווי אזוי עס איז די ראיה פונעם פסוק. און אמאל איז דא א דיוק אין דעם, און ער שרייבט די מראי מקומות ווער עס שטעלט זיך דערויף.

די מתיבתא גמרא האט אויך געמאכט זייער א פיינעם שיטה מקובצת צום סוף פונעם באנד.

## לימוד תורה לנשים

**בביקור כ"ק האדמו"ר מבית יצחק ספינקא שליט"א**

יום ה' פרשת ויגש תשע"ה לפ"ק

**האדמו"ר מספינקא:** דער טאטע [**האדמו"ר רבי שמואל צבי מספינקא זצ"ל**] פלעגט צו פארציילן פונעם **חקל יצחק**, אז אונזער מומע, רבי יענק'לע ספינקער'ס רעבעצין, (אשת **האדמו"ר רבי יעקב יוסף מספינקא זצ"ל**, בת **הגה"צ רבי אברהם אביש הורוויץ זצ"ל מקראלי**) נאך דעם וואס דעם חקל יצחק'ס רעבעצין איז אוועק, איז זי, אלץ מיידעל, אריבער פירן די ווערטשאפט ביים חקל יצחק אין שטוב. זי האט געקאכט, און זי האט געברענגט דעם טאטע'ן צום חקל יצחק. דער טאטע איז געווען די לעצטע פינף זעקס יאר ביים חקל יצחק.

**רבינו:** וואס מיינט זי האט געברענגט.

**האדמו"ר מספינקא:** זי האט געמאכט אז ער זאל קענען קומען. זי איז געווען דארט אין שטוב, און זי האט געזען אז מיין טאטע זאל קענען קומען. פון אלע אייניקלעך האט זי געפילט אז מיין טאטע וועט קענען דא זיך טרעפן דאס פלאץ. און ער האט געוואוינט ביים חקל יצחק, די לעצטע פינף זעקס יאר. ביי די קריג איז ער געגאנגען מיטן חקל יצחק צוזאמען. זיין טאטע איז געגאנגען אויף א אנדערע וועג, פון קראלי.

**רבינו:** ער האט איבערגעלאזט דעם פאטער'ס שטוב, און ער האט געוואוינט ביים זיידען אין סעליש.

**האדמו"ר מספינקא:** יעדער וואס איז געשלאפן אין שטוב, האט געדארפט יעדע נאכט קומען זאגען א גוטע נאכט. איין נאכט איז געווען וואס לויטן זייגער איז זי נישט געקומען, איז ער געגאנגען צום צימער קלאפן אויפן טיר, פערל ביזט שוין דא? און זי האט נישט געענטפערט, ווען ער איז צוריקגעגאנגען, איז זי אריינגעגאנגען אין שטוב, האט ער איר געפרעגט, עס איז שוין נאכען זייגער, ווי ביזטו געווען? האט זי געזאגט, ביי א שכן. האט ער איר געזאגט, האסט מיר געדארפט קומען זאגען אז דו ביזט ביים שכן. אינדערהיים איז געווען א קליין דערפל, האט מען אכט געגעבען.

ער פלעגט איר פרעגן, דו האסט שוין צוגעגרייט די **מנורת המאור** צו ליינען אין בעט.

**רבינו:** אמאל האבען יודענעס נישט געהאט א סאך, נאר א **צאינה וראינה** און א **מנורת המאור**.

**האדמו"ר מספינקא:** און מען איז געווען צופרידן.

**רבינו:** און עס האט געהאלפן מער ווי היינט. עס איז נישט געווען קיין שולעס, קיין שום זאך, נאר די פאר יודישע ספרים וואס איז געווען.

**האדמו"ר מספינקא:** די פשטות, די אמונה, דאס האט זיי געהאלטען.

**רבינו:** כמדומה לי אז דער **קדושת יום טוב** האט געזאגט, איך בין מתפלל אז מיינע קינדער זאלן קענען לערנען ווי מער, און מיינע טעכטער ווי ווייניגער.

**האדמו"ר מספינקא:** ביי מיין טאטע ז"ל איז געווען, אז א קינד וואס איז אהיימגעקומען מיט א טעס"ט, ווי קלענער די נאמבע"ר איז געווען, האט ער איר געגעבען א גרעסערע מתנה. די מתנה איז געווען א וועיפע"ר אדער א טשאקלע"ד. אבער די יונגעלעך האט ער געוואלט אז זיי זאלן קענען.

**רבינו:** כל המלמד בתו תורה כאילו לימדה תפלות (סוטה כ.).

**האדמו"ר מספינקא:** מיין טאטע האט אמאל געזען איינע פון די טעכטער ווי זי גייט צו צום ספרים

שאנק, האט ער איר געפרעגט, וואס זוכסטו דארט. זי האט געוואלט ארויסנעמען א נ"ך עפעס נאכקוקען, עפעס וואס מען האט געלערנט אין סקול, און ער האט אנגערופן רבי בנימין הערש בערקאוויטש, וואס גייט פאר? א מיידל זאל צוגיין צו א שאפע, וואס האט מען געלערנט אין סקול? דעמאלטס איז ער אריין צום **סאטמאר'ער רב ז"ל**, און ער האט איבערגעגעבן אז די טיטשע"ר לערנט עפעס... און ער האט זיך דעמאלטס אריינגעלייגט נאכצוקוקען, און ער האט געהייסן אז מען זאל איר ארויסשטעלן. מען זאל לערנען נאר פשוט.

**רבינו:** דאס איז איינע פון די שווערע פרשיות. א מיידל שולע האט דאך קיינמאל נישט עקזיסטירט. ווי אזוי מען זאל דאס רעגולירן, וואס יא און וואס נישט[ד].

**האדמו"ר מספינקא:** איך פיל היינט, אז די בליק אז זיי דארפן א בן תורה, אזוי גייט היינט די שפראך, אז זיי דארפן איינער וואס זאל זיצן און לערנען, איך שפיר אז דאס איז א שווערע זאך, זיי ווייסען אליין נישט וואס זיי ווילן.

**רבינו:** זיי דארפן נישט, זיי זאגען נאר אז זיי דארפן.

**האדמו"ר מספינקא:** אסאך מאל קומט עס גוט אויס, אז מען זאל קענען זאגען פאר די חבר'טעס, אבער א וואך נאך די חתונה וויל מען פארן אהין און אהער.

**רבינו:** זיי ווילן אז עס זאל זיין תורה וגדולה במקום אחד. ב"ה זיי זאגען כאטש אזוי, אמאל האט מען נישט געזאגט אויך נישט. מען האט געזאגט, אז מען דארף נישט א בן תורה. אבער היינט האלט מען שוין אויף א מדרגה[ה].

---

[ד] בהקדמה לספר **עזר מיהודה** (על פרקי אבות) כתב **הגה"צ רבי אברהם חיים שפיצער זצ"ל** אב"ד דק"ק אור חיים וז"ל: באחת השנים בגמר שנת הלימוד של הבית יעקב דקהל עדת יראים, ישבנו בחדרו של מרן [בעל עזר מיהודה] זצ"ל, הנוכחים היו, מרן זצ"ל, **הגה"צ רבי יוסף אליהו שטיינער זצ"ל** דומ"ץ דקהל עדת יראים, המנהלת, וב' בעלי בתים שהיו פעילים ועסקנים בבית יעקב, ולהבחל"ח אני הצעיר. והמדובר היה לבדר הלימודים בתנ"ך על זמן שלאחר ימי הקיץ. ותיכף כאשר דרכתי על מפתן חדרו של מרן זצ"ל, ראיתי שהוא מרוגש מאוד, ומראה פניו רצינים ביותר. ישבנו שם, ועל השולחן היה מנוח תנ"ך ספר שמואל, והתחיל מרן לדפדף, והצביע על כמה ענינים שאינו רוצה שילמדום, כמו מעשה דנוב עיר הכהנים, ומעשה דבעלת אוב, ועוד ענינים שונים. [ואני ידעתי היטב כי כל האחריות יפול עלי, כי לא מרן זצ"ל ובפרט הגרי"א זצ"ל לא ביקרו כלל בבית יעקב, ואותי צוה מרן זצ"ל לבקר שם כמעט מידי יום ביומו, ולמסור לו כל התהלוכות מבלי להעלים דבר, ובמשך שנה שלימה כמעט, פקד עלי מרן זצ"ל לילך ולדבר אל הנערות בכתה הגבוהה בכל ערב שבת קודש מפרשת השבוע, ולהבליט בעיניהן חשיבותן של האמהות הקדושות מדורות הקודמים, וממילא הייתי מעוניין בדבר יותר מכל הנוכחים]. ואחד מבעלי בתים שהיו שם אמר בחיוך: 'רבי, דאס נישט און דאס נישט, און וואס יא?', לשמע דברים אלו עמד מרן זצ"ל מכסאו מלא קומתו, ואחז בכתיפיו של אותו בעה"ב [שהיה אוהבו ומוקירו מאוד], ואמר לו בזה הלשון: הערן זי מיר צו! ווי אזוי צו פירן א ישיבה, האב איך בקבלה, איך האב עס געזעהן ביי מיין **מאדע'ר רבי'ן [הלבושי מרדכי] זצ"ל**, און איך האב עס געזעהן ביים **קרן לדוד זצ"ל**, ווייס איך ווי אזוי צו פירן א ישיבה. א מיידל שולע האב איך נישט קיין קבלה, ביי אונז איז דאס נישט געווען, אבער איך זעה איין אז דאהי דארף מען עס צו האבן. אבער איין זאך וויל איך אהנען זאגן! אויב איך וועל פילן אז די מיידל שולע ווערט געפירט אזוי אז מיין מאמע ע"ה וואלט נישט מסכים געווען, דאן פארשפאר איך די שולע געסטער"ן [אתמול], פארשטעהן זי, נישט מארגן, געסטערן!. ואחר שגמר דבריו שנאמרו בלהט אש בכל איבריו וגידיו והרגשותיו, ישב מרן על כסאו, ופתאום קלחו מעיניו הבדולחים זרם של דמעות חמות ועצומות במשך זמן ממושך, גנח ויילל בדרך שהיה עושה בדרשת ז' אדר, אבל עוד יותר מזה, וכל כולו היה מורגש באש קודש שלהבת דקדושה, ואנחנו ישבנו שם בלי אפשרות לעשות אפילו תנועה קלה, ובזה נסתיים אותה אסיפה.

[ה] מן הראוי לצטט בזה מתוך דברות קדשו של **רבינו שליט"א** בדרשתו להתלמידות המסיימות לימודם בבתי החינוך בעיר וויליאמסבורג, (ב' במדבר תשע"ז באולם אימפעריעל) וזה לשונו: מען גייט יעצט ארויס פונעם בית חינוך, מען האלט נאנט צו שידוכים, עס קומט באלד די צייט. חז"ל זאגן (פסחים מט.) לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו, א מענטש זאל פארקויפן אלעס וואס ער האט, וישא בת תלמיד חכם, ער זאל נעמען א טאכטער פון א תלמיד חכם, וישיא בתו לתלמיד חכם, ווען ער מאכט חתונה א טאכטער, זאל ער נעמען א תלמיד חכם פאר אן איידעם. עס שטייט פון **חזון איש**, ער האט געזאגט, אז די מעלה פון א בת תלמיד חכם איז, ווייל זי ווערט נתגדל אין אן אויר פון תורה, ביי א תלמיד חכם אין שטוב איז די לופט תורה'דיג, און ווען זי ווערט נתחנך אין אזא שטוב, טוט זי אריינעמען אין זיך אן אויר פון תורה. האט דער הייליגער חזון איש געזאגט, היינט וואס מען ווערט נתחנך אין ערליכע בתי חינוך, איז יעדע אידישע טאכטער וואס גייט אין אן ערליכן בית חינוך, האט די מעלה פון א בת תלמיד חכם. אלע וואס זענען פארזאמלט דא, האבן אין זיך די מעלה פון א בת תלמיד חכם. פון איר זייט דארף זי זעהן יעצט צו נעמען א בחור א תלמיד חכם, א בן תורה, אויפשטעלן א תורה'דיגע שטוב.

מען דארף אבער וויסן, אז עס איז דא זייער ווייניג תלמידי חכמים, עס איז א יקר המציאות. ווייל א תלמיד חכם איז נישט גענוג וואס ער לערנט תורה ער זאל ווערן אנגערופן א תלמיד חכם, עס דארף זיין ראשית חכמה יראת ה', האבן אין זיך ערליכקייט. צו זיין א אמת'דיגער ירא שמים, דאס איז די חשיבות פון א תלמיד חכם. היינט זענען די נסיונות זייער גרויס, און עס וואקסן אויף היינט ווייניג בחורים וואס זענען אמת'דיג ערליך, יראי חטא. ענדערש זאל מען נעמען איינעם וואס קען אביסל ווייניגער לערנען, מוותר זיין אויף א פאר בלאט גמרא, אבער נעמען א בחור א בעל מידות און א ירא ה', און אויפשטעלן צוזאמען א שטוב.

מען זאל געדענקען, עס איז נישט דא קיין גרעסערע תענוג אויף די וועלט, ווי אויפצובויען א שטוב פון תורה און יראת שמים. אין אזא שטוב ווי עס איז דא ערליכקייט, עס איז דא תורה, איז דאס ווייב אין שטוב ווי א מלכה, ווי א קעניגין, נאר ביי אונז איז דא מכבדו יותר מגופו. מכבד זיין א ווייב מער ווי זיך אליין, וועט מען נאר טרעפן ביי בני תורה. דער תענוג פון א שטוב פון תורה, אז מען קען זיצן צוזאמען, שבתים און ימים טובים, מיט קינדער תלמידי חכמים, איז נישטא קיין גרעסערן תענוג פון דעם. א שטוב וואס עס זאל זיין שמחת החיים, א לעבעדיגקייט, א פרייליכקייט, א רוהיגקייט, וועט מען נאר געפינען אין א שטוב פון תורה. עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס קען דאס ערזעצן, נישט קיין געלט, נישט קיין כבוד, און נישט קיין יחוס, קען משלים זיין דאס וואס א תלמיד חכם ברענגט אריין אינעם שטוב.

און אויף דעם זאגט די גמרא, לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו, א מענטש זאל פארקויפן אלעס וואס ער האט כדי חתונה צו מאכן צו א תלמיד חכם. ביי יעדע מצוה אין די תורה איז א מענטש נישט מחויב אוועקצוגעבן די גאנצע געלט דערפאר, נאר ביז א חומש פון זיין געלט. אז ער דארף א אתרוג איז ער נישט מחויב אוועקצוגעבן זיין גאנצע געלט דערפאר. אבער אויף א שידוך פון א בן תורה זאגט די גמרא ימכור כל אשר לו, געב אוועק אלעס וואס דו האסט דו זאלסט צוקומען צו טרעפן א שידוך פון א בן תורה. ווייל א שידוך פון א בן תורה איז נישט א איינמאליגע מצוה ווי מען שאקלט א אתרוג, נאר דאס באגלייט דאס גאנצע לעבן שפעטער. די אידישקייט וואס עס וועט זיין אין די שטוב איז תלוי אין ביידע צוזאמען, זי האט דעם דין פון א בת תלמיד חכם און ער איז א תלמיד חכם, ווערט עס א תורה'דיג שטוב, וואס פאר דעם דארף מען אוועקגעבן אלעס וואס מען פארמאגט אז מען זאל צו קומען דערצו.

אז מען הערט אויף א בחור אז ער דרייט זיך ארום מיט א סמארט-פאון וואס איז נישט כשר, זאל מען וויסן אז דאס איז נישט קיין שידוך פאר ענק. ער איז שוין נפגם געווארן אינעווייניג, און אפילו מען דערקענט עס נישט אינדרויסן, עס וועט זיך דערקענען שפעטער. ער האט שוין אנגעהויבן זיך צו דערווייטערן פון זיין זיווג נאך בעפאר עס איז געבוירן געווארן זיין זיווג. ארומדרייען זיך מיט א סמארט-פאון, סיי ביי מענער און סיי ביי פרויען, טוט קאליע מאכן. ווילענדיג און אומ-ווילענדיג, אפילו מען וויל זיין ערליך, עס העלפט נישט.

יעדע אידישע טאכטער דארף האבן א מורה דרך, א רב, צו פון די קהלה ווי זי באלאנגט אדער א צווייטן, און זיך מכניע זיין צו א דעת תורה אין אלע ענינים פון אידישקייט, אויף אלעס וואס קומט אויף שפעטער אין שטוב דארף מען מקבל זיין דעת תורה. אפילו ווען מען פארשטייט עס נישט אליין מיטן שכל, דארף מען וויסן אז מען דארף פאלגן. אז מען הערט א זאך פון א רב, איר רב אוודאי, דארף מען עס מקיים זיין אָן קיין שום פשרות. אָן א מורה דרך, און הכנעה פאר א דעת תורה, קען מען נישט אויפשטעלן קיין ערליכע שטוב.

די זעלבע איז, ווען עס קומט צו א שידוך, זאל מען מברר זיין צו דער בחור האט א מורה דרך צו וועם ער איז זיך מכניע, פון וועם ער פרעגט אויב ער האט עפעס א שאלה. ווען עס וועט זיך מאכן א פראבלעם אינעם שטוב ווער וועט עס מכריע זיין, ווער וועט עס פותר זיין. אז עס איז נישט דא קיין מורה דרך, ווער קען העלפן נאכדעם אז עס מאכט זיך א פראבלעם אין שטוב. ווען מען ווייסט אבער אז ער איז נכנע אונטער א דעת תורה, איז מען אייביג א געהאלפענע, ביי יעדע זאך וואס ס'מאכט זיך איז דא וועמען מען וועט פרעגן, און עס איז דא וועם ער וועט פאלגן, קען מען פירן נאכדעם אן ערליכע אידישע שטוב בעזה"י...

## <u>תלמידי חכמים מגינים על העיר בקדושת תורתם</u>

בדרשת הספד על

**הגה"צ רבי יצחק מאשקאוויטש זצ"ל אב"ד נייטרא וומסב"ג**

יום ב' פרשת חיי שרה תשע"ט לפ"ק

**א צדיק איז מגין אויף די שטאט, עס איז זיכער אז ווילאנג ער איז דא געווען, איז געווען א געוואלדיגע הגנה אויף די שטאט. ער איז געזעסן און געלערנט לילות כימים. גאנצע נעכט האט געברענט די לעקטער, און מען איז געזעסן און געלערנט. עס איז זיכער געווען אן הגנה פאר די שטאט, וואס דאס איז ליידער צוגענומען געווארן פון אונז.**

**עס האט מיר דערציילט דער מונקאטשער רב זאל זיין געזונט, אז אלץ יונגערמאן איז ער אמאל געווען ביים סאטמארער רב זי"ע אין שטוב מוצאי שבת, און**

מען איז געזעסן און געשמועסט אין דברי תורה, און אנדערע ענינים ביז פארטאגס. ווען עס איז געווען נאנט צו פארטאגס, איז דער סאטמארער רב צוגעגאנגען צום פענסטער, און ער האט ארויסגעקוקט. ווען ער האט ארויסגעקוקט, האט ער געזעהן ווי א יוד גייט אין בית המדרש, האט ער געזאגט, נו, יודען שטייען שוין אויף צו גיין אין בית המדרש לערנען, קען מען זיך שוין גיין לייגן. - ער האט נישט געוואלט גיין שלאפן, ביז עס איז נישט דא דער צווייטער מחזור פון תורה, אז מען שטייט שוין אויף לערנען.

**מיר** האבן געהאט א צדיק וואס איז געזעסן און געלערנט גאנצע נעכט, ביז ווילאנג ער איז געזעסן און געלערנט, איז געווען די הגנה אויף די שטאט. מיר דארפן עס משלים זיין. מקבל זיין אויף זיך קביעת עתים לתורה, יעדע פרייע צייט אוועקצוגעבן פאר לערנען. דאווענען אזוי ווי מען האט געזעהן אז א דאווענען דארף אויסצוזעהן, נישט שמועסן ביים דאווענען, נאר זיך פירן ערליך. דעמאלטס קענען מיר ממשיך זיין, אז מה כאן עומד ומשמש, אף התם עומד ומשמש. אזוי ווי דא איז ער געווען א טאטע פאר יעדן איינעם, פאר יעדן איינעם האט ער געזוכט זיין טובה, געזוכט ארויסצוהעלפן א צווייטן, וועט ער זיכער זיין א עומד ומשמש דארטן אויך.

**ער** האט זיכער איבערגעלאזט אוצרות מיט ספרים וואס מען דארף עס מסדר זיין, און מען דארף עס דרוקן. די קינדער וועלן זיך זיכער אפגעבן דערמיט. עס איז א געוואלדיגע זכות פאר יעדן איינעם וואס וועט זיך משתתף זיין דערצו, האבן א חלק אין זיין תורה, עס זאל נישט נשתכח ווערן חכמת חכמיו. מיר האבן פארלוירן דעם חכם, אבער די חכמת חכמיו, דאס וואס ער האט געשריבן, זאל נישט פארלוירן ווערן, און מען זאל דאס קענען ארויסגעבן. און ער וועט זיכער זיין א מליץ יושר פאר די אלע.

## כבוד חכמים ינחלו

בדברי תורה אחר השיעור בשו"ע או"ח בבית מדרשנו בב"פ
יום א' פרשת נשא תשע"ז לפ"ק

**די** משנה (אבות ו-ג) זאגט, אין כבוד אלא תורה, כבוד קומט זיך נאר פאר די וואס זיצען און לערנען תורה, זיי זענען ווערט דעם כבוד, שנאמר (משלי ג-לה) כבוד חכמים ינחלו, די חכמים זיי זענען נוחל כבוד. די מפרשים פרעגן, איז דען אייביג אזוי, אז נאר פאר די בני תורה גיט מען כבוד, רבי מכבד עשירים (עירובין פו.), עס שטייט נישט אז דער עושר איז געווען א תלמיד חכם, און פון דעסטוועגן דאך האט אים רבי מכבד געווען. און עס איז דא מענטשען וואס האבן כבוד אפילו זיי זענען נישט קיין תלמידי חכמים, וואס איז טייטש 'אין כבוד אלא תורה', אז נאר ביי תורה איז דא כבוד. ביי יעדע זאך איז דא כבוד, אויב ער האט א געוויסע מעלה גיט מען אים כבוד.

**א** יוד האט מיר אמאל פארציילט, אז ער איז אמאל געגאנגען מיט זיין יונגעל צו א גרויסע מסיבה, ווי עס זענען געווען דארט טויזנטער יודען. און מען האט געהאנער"ט דארט א אורח הכבוד, און מען האט שטארק גערעדט בשבחו פון דעם אורח הכבוד. און זיין זון האט געהערט ווי מען רימט דעם אורח הכבוד אויף זיינע גרויסע מעלות וואס ער האט, און ער איז געווען אזוי פארטראכט. זאגט אים דער טאטע, איך זעה אז דו ביסט אים מקנא, עס גלוסט זיך דיך, ווען וועסטו זיין אזא אורח הכבוד, און פאר דיר וועט מען אויך געבן אזויפיל כבוד, ווי מען גיט פאר יענעם.

**האב** ער געזאגט פאר זיין זון, געב א קוק, נעבן דיר, דא אונטען ווי מיר שטייען, שטייט א יונגערמאן, קוק אים גוט אן, דער יונגערמאן איז צען יאר צוריק געווען א גרויסער עושר, היינט איז ער א יורד, היינט האט ער גארנישט, אבער אמאל איז ער געווען א גרויסער עושר, און צען יאר צוריק האט מען אים געהאנער"ט דא אויף דעם זעלבן פלאץ, און ער איז געווען דער וואס איז געשטאנען דארט אויבן, און מען האט אים געגעבן אזויפיל כבוד, און היינט ווען ער האט נישט קיין געלט, שטייט ער דא אונטען אזוי ווי מיר שטייען. פארוואס? ווייל מען האט נישט געהאנער"ט 'אים', נאר מען האט געהאנער"ט 'זיין געלט', און אז ער האט נישט קיין געלט, איז נישט דא קיין כבוד. אבער קוק אן, עס איז דא דא א גרויסער אויבן אן, וואס דארט זיצן תלמידי חכמים און רבנים. די זעלבע וואס זענען געזעסן דארט מיט צען יאר צוריק, זעה איך אז זיי זיצן נאך יעצט, און ווען דו וועסט קומען אין צען יאר ארום נאכאמאל, וועסטו זעהן אז די זעלבע זיצען ווייטער אויבן אן. - דער אורח הכבוד וועט זיך טוישן, ווילאנג ער האט

געלט אזוי לאנג איז ער אורח הכבוד, אבער די תלמידי חכמים, די בלייבן אויף שטענדיג.

**זאגט** די משנה, אין כבוד אלא תורה, שנאמר כבוד חכמים ינחלו, א נחלה איז א זאך וואס האט נישט קיין הפסק, אזוי שטייט אין די גמרא (ראש השנה יב:), ווען די גמרא וויל זאגן אויף א זאך אז עס האט נישט קיין הפסק, זאגט די גמרא אז עס איז דומה צו נחלה. כבוד חכמים ינחלו, כבוד וואס מען גיט פאר א תלמיד חכם, דאס איז ינחלו, דאס האט נישט קיין הפסק. אבער וואס מען גיט פאר אנדערע זאכן, היינט איז עס אזוי און מארגן טוישט זיך דער מצב, און עס איז נישט דא דער כבוד. די חשיבות פון כבוד התורה איז, אז עס בלייבט אויף אייביג.

## עניני אמירת דברי תורה אצל צדיקי הדורות

### __צדיקי בית טשערנאביל וסקווירא__

בביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מסקווירא שליט"א**

יום ד' פרשת כי תצא תשע"ז לפ"ק

**רבינו:** ווען האט זיך אנגעהויבן דאס וואס אין טשערנאביל האט מען נישט געזאגט קיין תורה?

**האדמו"ר מסקווירא:** עס האט זיך אנגעהויבן ביים טשערנאבלער מגיד'ס קינדער. ער האט געהאט אכט זוהן, און עס האט געהייסן אז עס איז געווען פיר וואס האבן יא געזאגט, און פיר וואס האבן נישט געזאגט. די פיר וואס האבן יא געזאגט איז געווען, דער **טשערקאסער**, דער **טריסקער מגיד**, דער **טאלנער**, און **רבי אהרן טשערנאבלער** האט אויך געהייסן אז ער זאגט תורה. אבער איך האב געהערט פונעם טאטן ז"ל, אז ער פלעגט אלעמאל אנהייבן, 'דער זיידע דער **מאור עינים** זאגט', און ער האט געזאגט און געזאגט און געזאגט, אבער מען האט נישט צופיל פארשטאנען. און מסיים געווען האט ער אלעמאל, 'דער עיקר איז, מחשבה דיבור ומעשה בלתי לה' לבדו'. און אמאל האט ער געזאגט אויף יודיש, 'מחשבה דיבור ומעשה נאר פאר גאט ברוך הוא אליין'. דאס איז געווען דער חלק וואס ער האט יא געזאגט.

באמת למשל אפילו אין סקווירא (אצל הרה"ק רבי איציק'ל מסקווירא זי"ע) וואס האט אפיציעל נישט געזאגט קיין תורה, אבער פרייטאג צונאכטס נאכן דאווענען פלעגט מען אריינקומען, און ער האט געשמועסט, און ער האט אפילו אמאל געטייטשט א פסוק אויך.

**רבינו:** אינמיטן די סעודה אויך?

**האדמו"ר מסקווירא:** ניין. בקביעות זאגן תורה האבן פיר נישט געזאגט. (**הרה"ק רבי משה מקאריסטשוב זי"ע, הרה"ק רבי מנחם נחום ממקארוב זי"ע, הרה"ק רבי יצחק מסקווירא זי"ע, והרה"ק רבי יוחנן מראחמיסטריווקא זי"ע**).

**רבינו:** וואס הייסט די סיבה, פארוואס זיי האבן משנה געווען פון די עלטערן, און נישט געזאגט?

**האדמו"ר מסקווירא:** עס זענען דא אסאך 'תורות' אויף דאס 'נישט זאגן תורה'... **רבי איציקל סקווערער** האט אמאל געזאגט, בלבי צפנתי אמרתך למען לא אחטא לך (תהלים קיט-יא). עס זענען דא כמה ווערטער ווענן דעם. אבער בפשטות האט געהייסען איינע פון די טעמים, אז מען האט געציטערט אז עס זאל זיין אזוי ווי **רבי אהרן טשערנאבלער** האט געזאגט, בלתי לה' לבדו... אויף זיך האט מען געציטערט צו עס איז ממש נישט דא קיין פניה. איך זאג נישט קיין פשט, אבער עס קען זיין.

זאגן זאגט מען, אז **רבי איציקל סקווערער** האט אמאל געזאגט, אז א תלמיד פונעם **רבי'ן רבי ברוך מעזיבוזער זי"ע** האט אמאל געמאכט א ספר אויף קדשים, און ער האט עס געברענגט צום רבי ר' ברוך אויף א הסכמה. האט דער רבי ר' ברוך זיך געוואונדערט, ווי אזוי האט מען געקענט מאכן א ספר אויף גאנץ קדשים. האט ער געזאגט, 'חם לבי בקרבי בהגיגי', ווען איך טראכט נאר, 'תבער אש', אז אויפן פלאץ וואו עס איז געווען דער מזבח, 'דיברתי בלשוני' (תהלים לט-ד), קען מען היינט נאר יוצא זיין די קרבנות מיטן דיבור.

האט **רבי איציקל סקווערער** אויסגעפירט, 'חם לבי בקרבי', עס קאכט שוין אין מיר, 'בהגיגי', אפילו ווען איך טראכט נאר די תורה וואס איך וויל זאגן. 'תבער

אש', וואס פארא פייער וואלט געברענט, 'דיברתי בלשוני', ווען איך זאל עס נאך ארויסזאגן ממש מיטן מויל.

דער טאטע ז"ל האט נאכגעזאגט פונעם **אוהב ישראל** (פ' במדבר) 'זאת חוקת התורה', ווער קען זאגן תורה, 'אשר צוה ה', וואס ביי יעדע זאך קען ער מייחד זיין דעם שם הוי"ה, 'לאמור' (במדבר יט-ב), דער קען זאגן.

**רבינו:** אלו ואלו דברי אלקים חיים.

**האדמו"ר מסקווירא:** עס איז געווען אזא דרך עבודה, און עס איז געווען אזא דרך עבודה.

**רבינו:** מיר זענען מקיים לעולם יעסוק אדם בתורה שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה (פסחים נ:)[1].

**האדמו"ר מסקווירא:** דער **טריסקער מגיד** האט געזאגט תורה לאנגע שעות, אין **מגן אברהם** זענען דאך דא די לאנגע תורות מיט היבש קבלה ענינים. איז געווען איינמאל וואס נאכן תורה זאגן, האט ער זיך צוגעבויגן צום זוהן, און ער האט אים געזאגט א ווארט. דאכט זיך אז דער **קאמארנער זי"ע** איז דארט געווען, און נאכן טיש האט ער געפרעגט דעם זון צו ער מעג וויסן וואס דער טאטע האט אים געזאגט נאך די תורה. האט ער קודם נישט געוואלט ענטפערן, און ער האט געזאגט, אז ער האט נישט קיין חשק צו זאגן. האט ער געמוטשעט און געמוטשעט, ביז דער זון האט אים געזאגט, איך וועל זאגן דעם אמת, איך האב נישט קיין חשק צו זאגן, ווייל איר וועט מיר נישט גלייבן. האט ער געמוטשעט אז ער וועט יא גלייבן, ביז דער זוהן האט דערציילט, אז נאך די גאנצע תורה, האט דער טאטע געפרעגט, צו ער האט שוין געזאגט תורה... דער **טריסקער מגיד** האט געזאגט נישט קיין קורצע תורות...

**רבינו:** עס איז דא א ספר **נימוקי חיים**, פון **רבי חיים פון אנטוניא זצ"ל** טייטשט ער דארט דעם פסוק אין פרשת שופטים (דברים יח-יט) 'והיה האיש אשר לא ישמע אל דברי אשר ידבר בשמי', אז דער צדיק וואס ער אליין הערט נישט די ווערטער וואס ער זאגט, זאגט דער אייבערשטער, 'אנכי אדרוש מעמו', איז א סימן אז איך דרש'ן פון אים.

**האדמו"ר מסקווירא:** מען זאגט דאך אזוי נאך אויפן ספר **מאור עינים**. דער תלמיד האט דאך עס געשריבן און דער מאור עינים איז שוין נסתלק געווארן ווען עס איז ארויסגעקומען. אבער ער האט נאך געהייסען בחייו אז מען זאל עס אים פארליינען. האב איך געהערט פונעם טאטן ז"ל אז די זאכן וואס ער האט געדענקט, האט ער געהייסען ארויסנעמען, און די זאכן וואס ער האט נישט געדענקט, איז דאך געווען שכינה מדברת מתוך גרונו, דאס האט ער געהייסן בלייבן. און דאס איז דער ספר מאור עינים.

**רבינו:** פונעם 'אנכי אדרוש מעמו'.

**הרה"ח רבי שלום בער פישל:** היינט נאכט איז ט' אלול. פאר פינעף און צוואנציג יאר צוריק בין איך געווען מיט מיין טאטן הרה"ח רבי יצחק פישל ע"ה (תלמיד **הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל**) ביי די ערשטע דרשה פונעם וויענער רב ביי די הכתרה.

**האדמו"ר מסקווירא:** ער איז געווען ביי די ערשטע דרשה, אבער מסתמא איז עס נישט קיין שום דמיון צו היינט... עס איז מוסיף והולך, און מעלין בקודש.

**הרה"ח רבי שלום בער פישל:** יעדעס יאר קומען דאך ארויס נייע ספרים. היינט אליין זענען ארויסגעקומען צוויי ספרים (מספרי **שמן ראש**).

**האדמו"ר מסקווירא:** ב"ה, געלויבט דער אייבערשטער, הלכה כבית הלל, עס דארף זיין מוסיף והולך.

---

## <u>צדיקי בית שינאווא ובאבוב ועוד</u>

**בביקור כ"ק האדמו"ר מבאבוב שליט"א**

יום ג' פרשת שמיני (א') תשע"ח לפ"ק

---

**האדמו"ר מבאבוב:** איך האב שוין לאנג געוואלט קומען. ווען עס איז ארויסגעקומען די ערשטע חלק פונעם טאטענ'ס ספר (ספר **דברי שלמה** עה"ת), האב איך

---

[1] עיין בספר **תולדות ערוגות הבשם** (ח"א דף ש"ז) שפעם אחת שבת **הרה"ק משינאווא זי"ע** בק"ק סטראפקוב, ורבינו בא להסתופף בצל קדשו, יחד עם עוד כמה רבנים חשובים. בסעודת ליל שבת קודש נענה **הרה"ק משינאווא** ואמר, 'הייתי יכול להשמיע חידושי תורה נפלאים, אבל מה אעשה, שאיני מרגיש עצמי בבחינה זו'. והפליט רבינו מפיו ואמר, אם כן, לא שבק מר חיי לכל בריה. ונשמעו הדברים לרבו משינאווא, אך לא הגיב מאומה על דברי רבינו. למחרתו השיב הרה"ק משינאווא לרבינו, שמעתי מה שאמרתם, ובודאי היתה כוונת הדרת גאונו שלפי זה אי אפשר לרב היושב על כסא הרבנות להוכיח את בני קהלתו. על זה אומר למעלת כבודו, שאני דרשות הנאמרים לפשוטי עם, שמעוררים אותם על שמירת שבת קודש, הרחקה ממאכלות אסורות, חינוך הבנים לתלמוד תורה, וכדומה, שכל אלו הם עניני זהירות בשמירת התורה ומצותיה, וקל מאוד לדבר ולעורר מענינים אלו, בפרט רב ופרנס הממונה על הציבור. אבל לעורר על חסידות ופנימיות, ועל עניני עבודת ה' לאנשים הבאים אלי כמעלת כבוד תורתו, זה קשה מאד, שכן האומר צריך להרגיש בעצמו, שיש בו את אותן הדברים שהוא אומר להשומעים, בבחינת נאה דורש ונאה מקיים ע"כ.

עס געוואלט ברענגען. יעצט איז שוין ארויסגעקומען די צווייטע. איך דארף נישט פארשטעלן, איר ווייסט דאך ווי אזוי מען לעבט, מען קומט נישט אן. ביז דערווייל איז ארויסגעקומען צוויי בענדער אויף בראשית.

**רבינו:** ער האט זייער שיין געזאגט. ער האט אליין געשריבן?

**האדמו"ר מבאבוב:** עס איז דא אפאר זאכן וואס ער האט אליין געשריבן, אבער זייער ווייניג, בדרך כלל האט ער נישט געשריבן. מען האט שוין בחייו, די לעצטע יארן, אנגעהויבן עוסק צו זיין אין דעם, דאס [הראה על צילום כת"י שנדפס בסוף הספר] איז שוין זיינע הגהות אויף דעם וואס מען האט געשריבן.

ער האט כסדר געזאגט, ביי יעדע געלעגענהייט. יעצט איז פאר פסח, ער האט געשמועסט ווען עס איז געווען ערב פסח א גרויסע סעודה, דער **צאנזער זיידע** האט געמאכט א סעודה, מען האט עס גערופן סעודת פנג. ער האט געשמועסט ביי די סדרים, און ווען ער האט געפירט טיש חול המועד יעדן טאג, בייטאג און ביינאכט. און שביעי של פסח ביינאכט, און כסדר ביי יעדע טיש האט ער געזאגט. זיין טאטע [**הרה"ק בעל קדושת ציון מבאבוב זצ"ל**] האט נישט אזוי געטוהן.

**רבינו:** דער ספר **קדושת ציון** איז דאך פון וואס די תלמידים האבן געהערט פון אים.

**האדמו"ר מבאבוב:** יא, אבער דאס איז געווען זאכן וואס איז אים איינגעפאלן. אבער זיך צוגרייטן צו זאגן, דאס נישט.

**רבינו:** שבת אויך נישט?

**האדמו"ר מבאבוב:** ניין. זיין טאטע, דער ערשטער **באבוב'ער רב זי"ע**, האט אסאך געזאגט, אבער ער האט נישט געזאגט.

**רבינו:** ווי אזוי האט ער געהאלטן די בחורים?

**האדמו"ר מבאבוב:** ער איז נישט געזעסן שטיל, ער האט עוסק געווען גאנצע נעכט מיט די בחורים, ער האט געשמועסט און גערעדט, אבער ער האט נישט געזאגט דברי תורה מיט א קביעות, אז יעצט זאג איך תורה. נאך די פיש אנצוהייבן צו זאגן תורה, דאס איז נישט געווען. ווען מען קוקט אויף די סגנון פון די תורות זעהט מען, אז דאס איז אלעס זאכן וואס זענען אים איינגעפאלן אזוי אין א בליץ, און ער האט עס געזאגט, אבער בקביעות האט ער נישט געזאגט.

איך ברענג דא אין די הקדמה, ווען דער טאטע זצ"ל איז געווען די ערשטע פאר יאר אין אמעריקא, פלעגט ער צו גיין צו די איסט סייד ווי עס איז געווען א שינאווער שטיבל. די סיבה פארוואס ער פלעגט צו גיין דארט איז געווען, ווייל פון די גרויסע תומכים איז געווען א משפחה קעניגסבורג, וואס דער **שינאווער רב זי"ע** האט זיי געלאזט פארן קיין אמעריקא. ווען זייער פאטער, רבי ישראל, איז ארויסגעפארן, איז ער געווען ביים שינאווער רב זיך געזעגענען, און ער האט געבעטן אז דער שינאווער רב זאל אים עפעס געבן ווען ער פארט קיין אמעריקא. איז דער שינאווער רב צוגעגאנגען צום שאנק און ער האט אים געגעבן די שטעקן. ווען דער טאטע איז אנגעקומען קיין אמעריקא, און ער איז אראפגעקומען פונעם עראפלאן, איז דער ר' ישראל אנטקעגן געגאנגען. און ער האט דעמאלטס געגעבן פארן טאטן דעם שטעקן. ביי די ערשטע טריט ווען ער איז אנגעקומען אין אמעריקא, האט ער געהאט דעם שינאווער רב'ס שטעקן. און דער טאטע פלעגט פארן דארט יעדעס יאר ו' טבת, די טאג פונעם שינאווער רב'ס יארצייט.

איך האב געהערט פון רבי זושא פאללמאן ז"ל (ר"מ בישיבת באבוב), ער איז געווען דעמאלטס א בחור, און ער איז מיטגעפארן מיטן טאטען מיט נאך אפאר בחורים. עס איז געווען דארט, **רבי חיים טשעחויב'ער זצ"ל**, רבי ישעי'לע טשעחויב'ערס זון, און עס איז געווען א קבוצה פון עלטערע רבנים, רבי'שע קינדער פונעם צאנזער גזע, וואס זענען געווען דעמאלטס דאהי, און זיי זענען געווען ביי דעם טיש, ווען מען האט זיך צוזאמגעזעצט לכבוד די הילולא. און איינער האט זיך אנגערופן, אז עמיצער זאל זאגן עפעס אווארט. און יעדער האט זיך ארויסגעדרייט. און איינער האט זיך אנגערופן, ביי די הילולא פונעם שינאווער רב זאל מען זאגן תורה?! כידוע, אז דער שינאווער רב האט זייער מקפיד געווען, עס איז דא אפאר זייער שארפע מימרות פונעם שינאווער רב אויף תורה זאגן. האט דער טאטע ז"ל געזאגט, ניין, איך גיי יא זאגן, ווייל נישט דאס האט דער שינאווער רב געמיינט. און ער האט געוויזען אויף די תלמידים, און ער האט געזאגט, פון וואנעט וועלן זיי וויסן וואס עס מיינט צו זיין א ערליכע יוד, צו זיין א חסידישע יוד, ווי אזוי מען דארף האבן מסירת נפש פאר תורה, פאר יראת שמים, פאר א שבת און א יום טוב, אויב מיר וועלן גארנישט רעדן?!

עס איז נישט דא אזוי גענוי גוט אויפגעשריבן וואס איך האב געהערט פונעם טאטן, וואס עס איז געווען

די עיקר קפידא פונעם שינאווער רב אויפן תורה זאגן. דער שינאווער רב איז דאך געווען אמת, דאס איז געווען די מדה אויף וואס ער האט געארבעט, אויסער אלע אנדערע זאכן. א דור פריער, און צוויי דורות פריער, איז געווען דער סגנון פון זאגן תורה ביי די רבי'ס, ביים ערשטען **באבובער רב זי"ע** איז געווען אזוי די נוסח, אז ביי שלש סעודות, פאר דרור יקרא, האט מען פארגעזאגט א מדרש, אדער א פסוק, און מען האט געזינגען דרור יקרא, און מען האט אנגעהויבן צו זאגן דברי תורה. אזוי איז געווען ביי **רבי דוד'ל דינוב'ער זי"ע**, איך מיין אז ביים **סאטמאר'ער רב זי"ע** איז אויך אזוי געווען.

**רבינו:** דאהי געדענק איך נישט אזוי, אבער איך מיין אז אינדערהיים איז אזוי געווען.

**האדמו"ר מבאבוב:** מיין טאטע ז"ל האט פארציילט, אז ער איז אמאל געווען אינדערהיים ביים **סאטמארער רב** ביי שלש סעודות, און ער האט אים מכבד געווען פארצוזאגן א מדרש, און מיין טאטע ז"ל האט מיר געזאגט, אז ער האט געדענקט צוויי מדרשים. איינס איז געווען א מדרש וואס אין המדרש הזה אומר אלא דרשוני, און דער צווייטער מדרש איז געווען א שווערע מדרש. און איך האב געזאגט דעם לייכטן מדרש וואס מען קען גרינג זאגן, און ער האט טאקע תיכף דערנאך אנגעהויבן צו זאגן א גאנצן שמועס.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** פלעגט צו זיין אין קאנטרי, אין האטעל אשל, צוזאמען מיטן **סקאליע רבי זצ"ל**. און פאר אים האט מען אויך פארגעזאגט א פסוק, און ער האט עס געטייטשט אויף פיר פינעף אופנים. און ער האט אלץ מכבד געווען איינער פון די רבנים, אז זיי זאלן פארזאגן א פסוק. פלעגט מיין טאטע ז"ל זאגן אין שטוב, אז די אנדערע רבנים האבן אויסגעזוכט דעם שווערסטן פסוק וואס איז געווען, אבער איך האב אלץ געזאגט דעם גרינגסטן פסוק, ווייל 'אויב ער זאגט שוין יא, זאל ער כאטש זאגן גוט'.

**האדמו"ר מבאבוב:** ער האט געזאגט אסאך קבלה. - דער טאטע איז אמאל געווען ביי א געוויסען רבי, זיינס א משפחה, און פרייטאג צו נאכטס האט ער מכבד געווען איינעם וואס זאל פארזאגן א פסוק. האט עמיצער געזאגט דעם פסוק (דברים י-ז), משם נסעו הגדגדה, ומן הגדגדה יטבתה, ארץ נחלי מים. און ער איז געווען א מקשה לילד. האט אים דער טאטע אריינגעמורמעלט, אז דא איז דא די ראשי תיבות הוי"ה, ה'גדגדה ו'מן ה'גדגדה י'טבתה. איז שוין די תורה געגאנגען אויף דעם, אז א צדיק וואו ער קוקט, זעהט ער דעם שם הוי"ה. - גמילות חסדים מיינט נישט דוקא געלט, נאר עס מיינט א טובה צו טון פאר א יוד ווען ער דארף עס צו האבן.

על כל פנים, לענינינו, די רבי'ס אמאל האבן געזאגט תורה נישט צוגעגרייט. שפעטער אז א רבי האט זיך צוגעגרייט צו זאגן תורה, און מען איז דאך געווען געוואוינט אז ווען א רבי זאגט תורה מיינט עס, אז מן השמים האט מען אים געגעבן די דיבורים, איז עס געווען עפעס א שקר, האט ער דאס נישט געקענט סובל זיין. האט דער טאטע ז"ל געזאגט אזוי, איך זאג אלעמאל צוגעגרייטערהייט. און רבי זושא פאללמאן האט מיר געזאגט, אז פון דעמאלטס אן, האט דער טאטע אנגעהויבן יעדע תורה, איך האב אינזין געהאט אויף דעם פסוק... דאס הייסט, אז ער האט געזאגט, איך האב זיך פארגעגרייט צו זאגן. און מען דארף זיך פארגרייטן, כדי עס זאל זיין נתקבל על הלב. אבער ווי אזוי קען מען זאגן, אז מען זאל נישט זאגן. דער שינאווער רב האט זיכער דאס נישט געמיינט.

איך דערמאן זיך בשעת איך רעד, אז אמאל ביי אונז אין די שטיבלעך איז צוגעקומען צו מיר א אלטער אמעריקאנער יוד, און ער זאגט מיר, דו ביסט דעם באבובער רב'ס זון? איך וועל דיר זאגן א תורה וואס דיין טאטע האט געזאגט פרשת אמור, די ערשטע אדער די צווייטע וואך ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא. אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם (ויקרא כא-א), זאגט רש"י, אמור ואמרת, להזהיר גדולים על הקטנים. האט ער געזאגט, אזוי ווי עס שטייט (ויקרא יט-יז) הוכח תוכיח, און די גמרא (ב"מ לא.) דרש'נט אפילו מאה פעמים, אזוי אויך ווען עס קומט צו להזהיר גדולים על הקטנים, אמור ואמרת, דארף מען זאגן נאכאמאל און נאכאמאל. - און דאס האט דער טאטע געטון, ער האט געהאלטן אין איין זאגן און זאגן, און היינו דאהני ליה, מיט דעם האט מען אויפגעשטעלט אזא שיינעם דור.

**רבינו:** אין **ערוגת הבשם** (סוף פ' תצוה) איז דא א הספד אויפן **שינאווער רב זי"ע**. שרייבט דער ערוגת הבשם, אז ער איז אמאל געווען ביים שינאווער רב ביים טיש, און דער שינאווער רב האט געעפענט א חומש צו זאגן, און ער האט צוגעמאכט דעם חומש, און ער האט געזאגט, איך וויל נישט זאגן, איך בין נישט ראוי צו זאגן. האט זיך דער ערוגת הבשם אנגערופן, אז דער רבי זאגט אזוי, וואס זאלן מיר זאגן. האט דער

שינאווער רב געזאגט, מען האט נישט געמיינט אייך. א רב פון א שטאט דארף זאגן, אבער צו מיר קומען דאך דערהויבענע יודען, וואס ווילן הערן מער, און פאר דעם בין איך נישט ראוי איך זאל קענען זאגן. אבער פארן אלגעמיינעם ציבור דארף מען זאגן (עיין **בתולדות ערוגת הבשם** החדש דף שז ובהערה שם).

**האדמו"ר מבאבוב:** ביי אונז האט מען געהאט געזאגט עפעס א מסורה מער בפרטיות. איינס, אז דער **קאלבאסובער רב זצ"ל** האט פארציילט, אז זיין פאטער איז דארט געווען, און ער (**הערוגת הבשם**) איז נאך געווען גאר יונג, און ווען דער **שינאווער רב** האט געזאגט תורה, האט ער זיך תיכף דערנאך אויפגעשטעלט, און ער האט געזאגט קדיש. און עס איז געווען אזא חוכא וטלולא, און דער שינאווער רב האט געענטפערט אמן יהא שמיה רבא מיט א ערנסטקייט. דאס איז געווען אינדערפרי. שפעטער איז געווען, אז ער איז אריינגעקומען מוצאי שבת, און ער האט געזאגט פארן שינאווער רב אז ער גיט אויף דאס רבנות. ער האט א נדן, און ער האט א קרוב א סוחר, און ער וועט ביי אים משקיע זיין, און ער וועט זיצן און לערנען, אבער א רב וויל ער נישט זיין. האט אים דער שינאווער רב געפרעגט, פארוואס. האט ער געזאגט, איך בין געווען ביים טיש, און דער רבי האט גערעדט אזוי שארף אקעגן זאגן תורה, איך האב זיך ארומגעקוקט ביים טיש, און איך האב געזען אז דער רבי קען נישט מיינען קיין אנדערען נאר מיר. און זיין א רב, און נישט זאגן קיין תורה, דאס איז נישט שייך, איך מוז זאגן דרשות, איז ממילא געב איך אויף דעם רבנות. האט דער שינאווער רב געזאגט, ח"ו, איך האב געמיינט נאר מיר, ווייל צו מיר קומט מען הערן פנימיות התורה, אבער נישט ווען מען זאגט דרשות, וואס דאס איז יסודות אין יודישקייט, דאס איז נישט געווען א הוה אמינא אזא זאך. מען דארף זיין א רב, און מען דארף זאגן.

**רבינו:** פארן **סאטמארער רב זי"ע** האט מען פארגעזאגט א מדרש. לבי אומר לי, אז ער האט זיך געהאט פארגעקוקט פארדעם די דבר תורה וואס ער האט געוואלט זאגן, נאר עס צוצושטעלן צו דעם מדרש, אויף דעם איז ער געווען געניטן א חריף אז ער האט עס געקענט צושטעלן צו וואו מען דארף. די עצם הדיבורים צום ציבור, דאס איז מה' מענה לשון. זאגן א דבר תורה, א געדאנק, אזוי ווי עס איז געווען אמאל, וואס צדיקים האבן געזאגט א ווארט, דאס קען זיין. אבער אזויפיל קשיות מיט תירוצים...

**האדמו"ר מבאבוב:** איך האב געהערט פון די וואס האבן געגעסן ביי אים אין שטוב די שבת'דיגע סעודות בייטאג, אז ער האט ממש נישט געגעסן, ער איז א גאנצע צייט צוגעלאפן צום שאנק, און ער האט גענומען איין ספר, און נאך א ספר. איך האב פארשטאנען פונעם סגנון, אז ער האט זיך דעמאלטס צוגעגרייט.

מיין טאטע האט נאכגעזאגט פון זיין טאטע, אויף זיין טאטע, דער ערשטער **באבובער רב**, אז אויב מען וויל האבן עפעס א דמיון, אז מען זאל קענען משיג זיין וואס עס מיינט שכינה מדברת מתוך גרונו, ווען מען האט געהערט דעם טאטן זאגן תורה, האט מען עס געזען. ער האט געזאגט, אזוי ווי מען עפענט אויף א זאק ארבעס, און עס גיסט זיך ארויס, אזוי איז עס געווען, איין ווארט האט גע'רודפ'ט דעם צווייטען. עס איז נישט געווען א זאך אז מען זאל קענען זאגן אז ער האט געטראכט איין מינוט. עס האט ארויסגערעדט פון אים די ווערטער מיט אזא פייער, עד כדי כך, אז דאס וואס עס איז פונעם באבובער זיידע כמעט גארנישט געבליבן איז, ווייל איינמאל איז געקומען א ארץ ישראל יוד, א מחבר פון א ספר, נעמען פרומענאנטן. און מיין זיידע, האט געזען אז ער האט זייער א שיין לשון, האט ער אים געפרעגט, וויפיל געלט מאכט איר פון דעם. האט ער געזאגט כך וכך. האט אים דער זיידע געזאגט, בלייבטס דא אין הויף, און איך וועל אייך באצאלן, און איר זאלט אויפשרייבן די תורות פונעם טאטן. און ער האט זייער שיין געשריבן, אבער עס האט געפעלט דער ברען, די פייער. האט ער אים באצאלט, און אוועקגעשיקט. ער האט געזאגט, איך בין געווען בשעת מען האט עס געזאגט, און איך קען נישט מסכים זיין אז דאס זאל מען אויפשרייבן אן קיין שום רגש פון קדושה, אזוי ווי מען האט עס געזאגט, עס האט געפעלט די חיות דערפון[ז].

---

[ז] ראה **בשמן ראש** (על ימים נוראים ח"א דף קנז) מה שהביא **רבינו שליט"א** בענין זה, וזה לשונו: שמעתי **מכ"ק אבא מארי זצלה"ה** שסיפר מה ששמע **מכ"ק אדמו"ר מסקאליע זצ"ל**, על **המגיד מאוסטראה הרה"ק רב ייבא זצ"ל**, שהיה מעורר את חסידיו כי דברי תורה ומוסר ועבדות ה' יש לשמוע מפי הרב בעצמו, מפיהם ולא מפי כתבם. ואמר הנה אנו רואים כי יכולים לעשות תמונה מאדם החוטב עצים, והוא ממש דומה בכל פרטיה כמו שהוא בפועל. אבל האנחה שהוא מוציא בשעה שמייגע עצמו להרים הגרזן, זה אי אפשר לצייר על התמונה. כן הוא בדיבורים של הצדיק, הדברים

**רבינו:** איך באקום אלץ דעם רבי'נס תורות. עס איז גוט געזאגט, און עס איז זייער גוט געשריבן. די דברי חיים שמועסן זענען אויך שיין.

**האדמו"ר מבאבוב:** דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אויך. עס איז דעם ציבור'ס זכותים, עס איז נישט מיינס. יודען ווילן הערן, איז דער אייבערשטער משפיע.

## הרה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זצ"ל

*מתוך שיעור אור החיים הק'*

*ליל שישי פרשת תזריע - מצורע תש"פ לפ"ק*

**איך** האב געהערט פארציילן, אז דער **סאטמארער רב זי"ע** פלעגט ביי שלש סעודות אין די שובבי"ם וואכען, מאריך זיין א לענגערע צייט מיט התעוררות אויף תיקון המעשים. אין די ערשטערע יארן איז אים אויסגעקומען אמאל צו זיין אין טשיקאגא אויף א שבת, נאך געלט פאר די מוסדות, און ער איז איינגעשטאנען ביים **ווייטצענ'ער רב זצ"ל**. עס איז געווען דעמאלטס אין די וואכן פון שובבי"ם, האט אים דער ווייטצענער רב געזאגט, אז ער האט הנאה אז דער רבי איז דא אין די טעג פון שובבי"ם, ווייל מען וועט קענען הערן דא אויך א שובבי"ם תורה פונעם רבי'ן. האט ער אים געזאגט, איך טראכט נישט צו רעדן קיין תורה דא. האט ער אים געפרעגט, פארוואס. זאגט ער, צו דעם דארף איך האבן דעם עולם אויך. אז איך האב נישט דעם עולם, קען איך נישט זאגן. – די גמרא (סוכה כא:) זאגט, אז אפילו שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכין לימוד, יעדע זאך וואס מען הערט פון א תלמיד חכם, דארף מען אפלערנען די הסבר און די פשט. וואס מיינט דאס צו זאגן אז ער דארף האבן דעם עולם כדי ער זאל קענען מעורר זיין ביי שלש סעודות.

**איך** האב געטראכט דעריין צוויי ענינים. איינס, מען ווייסט אז דער אייבערשטער איז משפיע פאר א מנהיג לויט ווי אזוי די מקבלים זענען מקבל. די געדאנקען וואס דער אייבערשטער גיט אריין, ווענדט זיך לויט די מקבלים וואס דארפן עס איבערנעמען. אין הייליגע ספרים שטייט דערויף א

---

שהוא אומר אפשר לרשום ולכתוב ולמסרם לאחרים, אבל האנחה ושבירת הלב שיש בשעה שהוא מדבר, זה אי אפשר לצייר ולמסור, וזהו עיקר הרושם שהדיבורים פועלים בלב שומעם עכדה"ק.

משל, אזוי ווי א קינד וואס זייגט ביי די מוטער, איז די מילך וואס די מאמע האט, איז נאר דא אזוי לאנג ווילאנג דאס קינד זייגט. ווען דאס קינד הערט אויף צו זייגן, ווערט צוביסלעך אוועקגענומען די מילך פון די מוטער. די זעלבע איז אויך די מנהיגי ישראל וואס זיי זענען מניק פארן כלל ישראל, ווילאנג עס איז דא שומעים, עס איז דא וואס הערן צו, און מען איז עס מקבל, איז דא א עקסטערע שפע וואס דער אייבערשטער גיט אריין אין זיי.

**עס** שטייט פונעם **פריערדיגען בעלזער רב זי"ע**, אז מען בעהט אין דעם יהי רצון וואס מען זאגט נאך תהלים, אז דער אייבערשטער זאל משפיע פאר די מניקות שלא יחסר חלב מדדיהן, אז די מניקות זאלן האבן געגוג מילך. האט ער געזאגט, אז די מניקות גייט ארויף אויף די צדיקים וואס איז דא אין כלל ישראל, וואס זיי זענען די מניקות פון כלל ישראל. און עס ליגט אין די תפלה שלא יחסר חלב מדדיהן, אז זיי זאלן קענען האבן מילך משפיע צו זיין פאר כלל ישראל.

**דוד** המלך איז דאך געווען זייער גרויס, ער איז פון די שבעה רועים, ער איז געווען מלך ישראל, און דער מלך איז דער לבן של ישראל (רמב"ם הל' מלכים ג-ו), וואס האט אוודאי משפיע געווען, און אריינגעברענגט אסאך תורה און אהבת ה' אינעם פאלק. האט דוד המלך געזאגט (תהלים קלא-א) ולא הלכתי בגדולות ובנפלאות ממני, כאטש איך זעה אז איך בין צוגעקומען צו אזעלכע השגות, וואס דוד המלך איז צוגעקומען, אבער איך האב קיינמאל נישט געטראכט אז די גדולות און די נפלאות זענען 'ממני', אז עס קומט פון מיר. כגמול עלי אמו, כגמול עלי נפשי, אזוי ווי דער גמול, דאס קינד וואס זייגט, וואס ער נעמט מילך פון די מוטער, און וועגן דעם קינד גיט דער אייבערשטער מילך פאר די מוטער, אזוי אויך האט זיך דוד המלך באטראכט, אז דאס וואס ער איז צוגעקומען צו די נפלאות און גדולות, איז נישט פון אים, עס איז נאר אינעם זכות פונעם כלל ישראל. - משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, בשבילכם הוא נדבר עמי (רש"י ויקרא א-א), דאס וואס דער אייבערשטער רעדט מיט מיר, איז אין ענקער זכות.

**קומט** אויס אז ווען דער אייבערשטער גיט פאר די מניקות, גיט ער עס נאר ווען עס איז דא די קינדער

וואס זייגן. האט דער סאטמארער רב געזאגט, אז טאמער ער האט נישט זיין עולם, ער האט נישט ווער עס זאל מקבל זיין פון אים, קען ער נישט זאגן די ווערטער פון התעוררות וואס ער זאגט אן אנדערס מאל.

*

**אבער** איך האב געטראכט אז עס ליגט דערין נאך א כוונה אויך. מען זאגט נאך אויף איינע פון די צדיקים, אז ער איז געזעסן אמאל מיט זיין קבוצה חסידים, און ער האט געזאגט דברי תורה, און עס איז געווען א גרויס התעוררות צווישן די חסידים. און עס איז אריינגעקומען א פרעמדער, וואס איז נישט געווען פון די קבוצה, און ער האט געזעהן ווי אזוי יעדער ווערט נתעורר, און ביי אים האט נישט באריעט די ווערטער וואס ער האט געהערט. איז ער נאכדעם צוגעגאנגען צו דעם צדיק און ער האט אים געפרעגט, איך זעה אז יעדער איז אזוי נתעורר געווארן פון די ווערטער וואס דער רבי האט גערעדט, און אויף מיר האט עס נישט געמאכט א רושם.

**האט** ער אים געזאגט, איך וועל דיר זאגן א משל. עס איז געווען אמאל א קראנקער וואס האט געדארפט א רפואה, האט דער דאקטער געזאגט, אז ער זעהט נישט פאר אים א אנדערע רפואה נאר אז מען זאל ברענגען א שטארקע וויין, וואס האט א גוטען ריח, און דאס זאל ער שמעקן, און די ריח וועט אריינגיין אין אים, און דורכדעם וועט ער זיך קענען ערהוילן, און צוקומען צו די כוחות. האט מען אים געפרעגט, ווי אזוי טוט מען עס. האט ער געזאגט, מען זאל נעמען די וויין, און עס אויסגיסן אינעם אויוון, און אזוי וועט ער צוקומען צו א רפואה.

**שפעטער** איז מען צוריקגעקומען צו דעם דאקטער, און מען האט אים געזאגט, אז מען האט אזוי געטון, אבער עס האט נישט געהאלפן. האט דער דאקטער געזאגט, זאגטס מיר פונקטליך וואס עטץ האטס געטון. האבן זיי געזאגט, מיר האבן געטון וואס דער דאקטער האט געזאגט, מיר זענען צוגעגאנגען צום אויוון, און מען האט אריינגעגאסן די וויין דערין, און עס האט נישט געמאכט א רושם. האט ער געפרעגט, מען האט איינגעהייצט דעם אויוון פאר דעם. האבן זיי געזאגט, ניין, אין א קאלטן אויוון האבן מיר אויסגעגאסן די וויין. האט ער אנגעהויבן צו לאכען. וואס מיינט עטץ, אז ווען מען גיסט אריין אין א קאלטן אויוון וועט עפעס געשעהן, ווייל עס איז אריינגעקומען דארט וויין. איך האב געמיינט צו זאגען אז מען זאל איינהייצן דעם אויוון, און נאכדעם ווען מען וועט ארויפגיסען די וויין אויף דעם הייסען אויוון, און פון די היץ וואס די וויין האט זיך אנגעווארעמט, וועט ארויסקומען א פארע מיט א שטארקן ריח, און דאס וועט אריינגיין אין די לונגען פון דעם קראנקען, פון דעם וועט ער זיך קענען ערהוילען.

**האט** ער געזאגט, די זעלבע איז אויך ווען א צדיק רעדט ווערטער. אויב די צוהערערס האבן א הארץ, די הארץ איז ווארעם, און עס קומט ארויף דערויף די שטארקע וויין, דאס טוט איבערדרייען דעם מענטש, עס טוט אים ערהוילען פון דעם וואס ער איז אריבערגעגאנגען. אבער אז מען נעמט א קאלטן מענטש, א קאלטן הארץ, און מען גיסט אריין דערין, וואס פאר א וויין מען זאל נאר ארויפלייגען דערויף, וועט עס נישט מאכן א רושם. - האט דער צדיק געזאגט, די וואס זענען געזעסן דא, זיי זענען דא מיט ווארימע הערצער, אויף ווארימע הערצער אז מען גיסט ארויף וויין, מאכט עס א רושם. די ביסט אריינגעקומען קאלטערהייט, אויף דיר וועלן די ווערטער נישט מאכן א רושם.

**און** דאס איז דער שיחת חולין של תלמידי חכמים וואס איז צריכין לימוד, וואס דער סאטמארער רב האט געזאגט, אז ווען ער האט זיין עולם, מען קומט מיט אנגעווארימטע הערצער, און מען וויל מקבל זיין, דעמאלטס קענען די התעוררות ווערטער מאכען א רושם, אבער אויף קאלטע מענטשען, האט ער נישט געשפירט, אז זיינע ווערטער וועלן מאכען א רושם, האט ער נישט געזאגט.

**הרה"ק רבי דוד יצחק אייזיק מסקאליע זצ"ל**

בניחום אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א**

יום א' פרשת נצבים תשע"ה לפ"ק

**האדמו"ר מסקאליע:** דער רב האט נאך געקענט דעם זיידען [**האדמו"ר בעל צמח דוד מסקאליע זצ"ל**] פון

דער נאנט. דער זיידע האט געגעבן פארן רב טשעק"ס[ח].

**רבינו:** יא. מיר זענען געווען אסאך זומערס צוזאמען אין האטעל אשל אין ליווינגסטאן מענאר.

**האדמו"ר מסקאליע:** דער טאטע (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) האט געהאט א שטארקע ידידות מיטן זיידען ז"ל. איך געדענק די אהבה וואס האט זיך באוויזען אינעם זומער.

**רבינו:** ער פלעגט אסאך מאל אנצורופן צום טאטן ז"ל פארן זומער, צו ער וועט קומען אהין אויף זומער. ווייל טאמער ער קומט נישט, קומט ער אויך נישט.

מען פלעגט פארזאגען א פסוק פארן זיידען, און אויף דעם פלעגט ער צו זאגען דברי תורה. עס איז געווען פארשידענע חסידים דארט אין האטעל אשל, און אסאך מאל איז געווען אזעלכע וואס האבען אויסגעזוכט דעם שווערסטן פסוק וואס איז דא אין די פרשה. און מען האט עס אים פארגעזאגט, און ער האט אלץ געזאגט קולע אל השערה. און מיין **טאטע ז"ל** פלעגט אלץ צו זאגען דעם גרינגסטען פסוק, ער פלעגט זאגן, אז מען זאגט, זאל מען כאטש זאגען גוט. אויף א גרינגען פסוק זאגט מען שיין.

**האדמו"ר מסקאליע:** אז מען האט געזאגט א שווערן פסוק, האט ער געזאגט בדרך קבלה. מען פלעגט אים זאגען דעם פסוק ומשמע ודומה ומשא (בראשית כה-יד), ואחות לוטן תמנע (שם לו-כב). מען האט פראבירט אלעס.

**האדמו"ר מספינקא ב"פ:** ער האט געטראכט אפאר מינוט, צו ער האט גלייך געזאגט?

**האדמו"ר מסקאליע:** ער האט גלייך געזאגט, עס האט גענומען א רגע כמימרא. ער האט געזאגט פארדעם א יהי רצון, יהי רצון שיתקדש שם שמים על ידינו, דער יהי רצון האט גענומען א מינוט, וואס דער עולם האט געמיינט אז ער טראכט, און ער האט גלייך אנגעהויבען צו זאגען. אמאל אין די קאנטרי ביי מלוה מלכה האט ער מיר געזאגט, איך ווייס נישט פארוואס עס איז מיר היינט אנגעקומען שווער צו זאגען, איך האב געמוזט אנקומען צו טעמי הקרא צו קענען זאגען תורה. טעמים איז דאך די העכסטע בחינה, על פי קבלה איז טעמים העכער פון אותיות, העכער פון די נקודות.

**רבינו:** איך געדענק אז ער האט אמאל געזאגט ביי שלש סעודות, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, לך אמור להם שובו לכם לאהליכם, ואתה פה עמוד עמדי (דברים ה-כז), אז א צדיק קען זיין אין איין צייט אויף צוויי מקומות. לך אמור להם שובו לכם לאהליכם, אבער ואתה פה עמוד עמדי. דו זאלסט בלייבען דא שטיין, און עס וועט אויך זיין לך אמור להם (עיין **בשמן ראש** פורים דף תע).

## פנימיות האדם מתגלה בדברי תורתו בעניני אגדה

בסעודת מלוה מלכה מוצש"ק פרשת ואתחנן תשע"ד לפ"ק

**אין** דעם ספר **עבודת פנים** וואס **רבי אהרן יוסף לוריא זצ"ל** האט געשריבן, איז דא א מימרא וואס ער האט געטייטשט. אז מען זאגט אין די שמונה עשרה, וקונה הכל. האט ער געטייטשט, דער אייבערשטער טוט נאר קונה זיין, ווען א מענטש געבט אים אוועק אלעס. אביסל דארף נישט דער רבונו של עולם. יעדער מענטש לערנט אביסל, און ער דאווענט אביסל, און ער געבט צדקה אביסל, יעדער מענטש טוט אביסל, אבער 'וקונה הכל', דער אייבערשטער דארף נישט פון דיר אביסל, ער דארף פון דיר 'הכל', ער דארף האבען פון דיר די גאנצע.

**ווען** רבי חיים ווערנער שליט"א האב געדרוקט דעם ספר פון זיין זיידען, האט אים זיין פעטער רבי מתתי' לוריא, פון די געהויבענע חסידים, געזאגט, אז איך מיין אז די ווארט זאלסטו נישט דרוקען, ווייל דער **בית אברהם**, דער **סלאנימער רבי**, פלעגט טייטשען אנדערש. וקונה הכל, דער אייבערשטער קויפט אלעס. אפילו א קלייניגקייט וואס א מענטש טוט, איז אויך חשוב ביים אייבערשטן. - רבי אהרן יוסף האט געטייטשט, וקונה הכל, אז דער אייבערשטער קויפט נאר גאנצע זאכן, און ער דארף נישט קיין ביסל. און דער בית אברהם האט געטייטשט, וקונה הכל, אז דער אייבערשטער איז קונה אלעס וואס מען געבט פאר אים. - אבער ער האט אים נישט געפאלגט, און ער האט עס יא געדרוקט, ווייל ער האב געוואלט ארויסברענגען די מהות פונעם זיידען. אז דער זיידע איז געווען אין די מדרגה, אז ביי אים איז נישט געווען א ענין פון

---

[ח] ענין זה סיפר **רבינו שליט"א להאדמו"ר מסקאליע שליט"א** בהזדמנות אחת, שזקינו **האדמו"ר מסקאליע זצ"ל** היה רגיל ליתן לו כסף תמיכה (טשעק) בעת שהיה נכנס אצלו בימי הקיץ, **ורבינו שליט"א** מעולם לא רצה להשתמש בשטרות הללו, ועדיין מונחים ברשותו.

ביסלעך, נאר וקונה הכל, וואס א מענטש טוט, זאל ער טון מיטן גאנצן שלימות.

**איך** האב געהערט פון מיין פעטער דער **קאטמונ'ער רב זצ"ל**, אז דער **טשעבינער רב** האט אים געזאגט, אז נאכדעם וואס זיין פאטער דער **כוכב מיעקב** איז אוועק, איז ער געווען ביי **בעלזער רב רבי ישכר דוב זי"ע**, און רבי ישכר דוב האט אים געפרעגט, צו עס איז געבליבן פונעם פאטער חידושים. האט ער געזאגט, יא. האט ער אים געפרעגט צו עס איז געבליבן נאר פלפול, אדער עס איז געבליבען אויך אגדה. האט ער אזוי געקוקט, אז דער בעלזער רב פרעגט, צו עס איז געבליבען פון אזא גדול בישראל חידושים אין אגדה. אגדה קען א פשוטער יוד אויך זאגען, צו דעם דארף מען נישט זיין אזא אדם גדול. האט אים דער בעלזער רב געזאגט, 'פון די אגדה פונעם מענטש, קען מען דערקענען דעם מהות פונעם מענטש'. אז מען וויל וויסען ווער דער מענטש איז, קען מען עס דערקענען פון זיין אגדה, און וועגן דעם האב איך געפרעגט, צו עס איז געבליבען פון אים אגדה, אז מען זאל קענען ארויסזעהען די מהות וואס ער איז געווען. - אין אזא טייטש פון וקונה הכל, זעהט מען די מהות וואס ער איז געווען, אז ער האט נאר קונה געווען זאכן וואס זענען געווען מיט א שלימות, און נישט קיין האלבע זאכן.

---

**<u>הכנת הדיבורים באמירת דברי מוסר לרבים</u>**

במסיבת סיום זמן הקיץ לתלמידי ישיבתנו הק'

יום ג' פרשת ראה תשע"ט לפ"ק

---

**איך** האב געהאט די נאכט א חלום, און איך וויל איבערגעבן דעם חלום וואס איך האב געהאט. דער **תולדות אהרן רבי זצ"ל**, דער **דברי אמונה**, האט געפירט טיש, און איך בין אריינגעגאנגען צום טיש. ווען איך קום אריין צום טיש האט ער מיך זייער מקרב געווען, ער האט זיך אויפגעשטעלט, און ער האט געבעטן אז מען זאל ברענגען א בענקל, און ער האט מיך געזעצט נעבן זיך. און עס איז געווען א פלא פאר מיר די קירבות, און איך האב געזעהן אז דער עולם האט אויך געקוקט, אז עס איז נישט דער נארמאלער וועג. אונז זיץ מיר צוזאמען, להבדיל בין חיים לחיים, און ער הייבט אן צו רעדן צו מיר, און ער זאגט מיר, 'איר דרשנ'ט דאך אסאך מאל ברבים, איר זאלט וויסן, אז דברי תוכחה וואס מען זאגט ערליך, דארף מען זיך נישט פארקוקען. איין ווארט ברענגט דאס אנדערע ווארט'. און ער זאגט אויף זיך, איך האב היינט צופרי גע'דרשנ'ט, איך האב זיך גארנישט געהאט פארגעקוקט, אבער עס איז מיר געגאנגען איין ווארט נאך די צווייטע ווארט, ווייל דברי תורה וואס מען זאגט ערליך, איין ווארט ברענגט דאס צווייטע ווארט. ווען ער ענדיגט דאס צו זאגען, הייבט ער אן ווייטער צו רעדן פארן עולם, און ער האט געזאגט מוסר, און עס איז געווען א געוואלדיגע התעוררות בשעת ער האט אנגעהויבן די מוסר. ער האט אנגעהויבן מיט דעם פסוק, תעיתי כשה אובד בקש עבדך (תהלים קיט-קעו). – איך האב פארגעסן דעם חלום, און יעצט ווען איך זיץ דא, דערמאן איך זיך אז איך האב דאס געחלומ'ט די נאכט. ווען איך בין יעצט געקומען צו די מסיבה, האב איך געזאגט פאר יואלי' (משב"ק), אז איך בעהט מען זאל מיך נישט מכבד זיין צו רעדן, ווייל איך האב נישט וואס צו זאגען. איך זאג נישט אז איך רעד ערליך, אבער איך האב געהערט ערליכע דיבורים פון הרב אלבוים שליט"א (ר"מ בישיבתינו הק'), האט עס מיר צוגעגעבן, אז איך האב געקענט רעדן ווייטער... אבער די ווארט אליין איז שיין צו געדענקן, אז א זאך וואס איז ערליך, איז איין ווארט ברענגט דאס אנדערע ווארט, און מען דארף זיך אויף דעם נישט צוגרייטן. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

## בענין כתיבת והדפסת חידושי תורה אצל גאוני וצדיקי הדורות והמסתעף

### הגה"ק רבי נתן אדלער זצ"ל

על אם הדרך במסע 'שבת פרעשבורג'
יום ג' פרשת משפטים תשע"ו לפ"ק

**א' הנוכחים: רבי נתן אדלער** האט איבערגעלאזט ספרים ?

**רבינו:** עס איז נישטא גארנישט געשריבן פון רבי נתן אדלער. איינער האט מלקט געווען וואס תלמידים האבן נאכגעזאגט פון אים.

**הר"ר שמואל ראאב:** רבי נתן אדלער האט געזאגט, אז ער געדענקט אלעס, ער דארף נישט שרייבן.

**רבינו:** דאס וואס ער האט געזאגט, אז ווייל ער געדענקט איז נישטא קיין עת לעשות לה' הפרו תורתך, איז א מליצה אדער א אמת?!, איז דען די פשט אז ער שרייבט אראפ כדי עת לעשות פאר זיך. און איז ער דען פארזיכערט אז ער וועט שטענדיג געדענקען. עת לעשות איז נאר דעמאלטס ווען ער פארגעסט עס מארגן?!, איך פארשטיי נישט דאס ווארט, אז ווייל ער געדענקט האט ער נישט קיין היתר צו שרייבן.

דער **חתם סופר** (**שו"ת חתם סופר** או"ח סימן ר"ח) שרייבט, אז עת לעשות איז נאר אז מען לערנט תורה לשמה, אויב נישט זאל פארגעסן ווערן די תורה! ער האט געהאלטן אז אויב מען לערנט נישט תורה לשמה, זאל מען נישט דרוקן קיין ספרים. עס מוז זיין כולו לשמים, אז עס זאל זיין א היתר צו דרוקן ספרים (עיין מה שכתב **רבינו שליט"א** בזה, בהקדמת ספרו **נחל הברית** ח"א). אטייל האבן וועגן דעם געדרוקט די ספרים מיט רש"י אותיות, ווייל עס הייסט נישט א געהעריגע כתב.

### ספרי מרן החתם סופר זי"ע ועוד

בביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א (וומסב"ג)**
יום ג' דחוה"מ פסח תשע"ח לפ"ק

**האדמו"ר מסאטמאר:** ביי אונז זאגט מען א דרשה חול המועד.

**רבינו:** יודען ווילן היינט הערן. מען דארף זאגן, און מען קען אויפטון. מען איז צמאים לדבר ה'.

**האדמו"ר מסאטמאר:** די פראבלעם איז, אז רוב פון די וואס דארפן צו הערן, די קומען נישט. און די וואס קומען הערן, צו די דארף מען נישט אזויפיל רעדן.

**רבינו:** עס האט מיר א יוד אמאל געזאגט, אז געוועגליך ווען מען רעדט, קוקט מען ווי גרויס דער ציבור איז. האט ער געזאגט, אז עס איז אסאך גרעסער דער ציבור וואס איז נישט דארט, וואס זיי הערן עס, ווי דער ציבור וואס איז יא דארט. חברך חברא אית ליה (כתובות קט:), עס גייט פון איינעם צום צווייטען. מען דארף נישט אלץ קוקען אויפן ציבור אליין, אפילו יענע קומען נישט אבער מען הערט עס שפעטער נאך. דער **רבי ז"ל** ווען ער האט גערעדט די שלש סעודות תורות, האט ער גערעדט פאר א מספר מצומצם, און מען האט עס געהערט אין די גאנצע וועלט. מען האט איבערגעהערט. ביים זאגן די תורה אליין איז געווען הונדערט יודען, צוויי הונדערט יודען, וואס האבן עס געהערט בשעת מעשה.

**האדמו"ר מסאטמאר:** מען קוקט היינט צוריק, ווי גרויס איז שוין געווען דער גאנצער בית המדרש.

**רבינו:** עס איז זיך נישט פארצושטעלן. ווען מען גייט היינט אריין אינעם אלטן בית המדרש, איך קען נישט גלייבן אז דאס איז געווען דער בית המדרש ווען דער רבי איז דארט געווען. אין **חתם סופר** (שו"ת יו"ד סימן רלד) שטייט, אז עס איז געווען מועט מחזיק את המרובה.

רבי משה ארי' גליק ז"ל האט מיר אמאל פארציילט, ער איז געווען גבאי אין בית המדרש, אז ער האט אמאל געזאגט פארן רבי'ן נאך שמחת תורה, אז ביים רבי'ן היינט, האט מען געזען וואס דער חתם סופר שרייבט, אז עס איז געווען א מועט מחזיק את המרובה, ווייל עס איז נישט במציאות אז אזויפיל יודען האבן געקענט אריינגיין אין בית המדרש. דער רבי האט אים נישט געענטפערט אויף דעם. נאר ער האט אים געזאגט, אז די וועלט זאגט אז דאס וואס דער חתם סופר שרייבט, אז בעיני ראיתי אז עס איז געווען מועט המחזיק את המרובה, מיינט ער זיין בית המדרש (עיין בספר **חוט המשולש** מהדו"ח דף שיז, ובהסכמת **הגה"ק משאמלויא זצ"ל** לספר **זכרון למשה**). - איך

האב געהערט פון **מיין טאטען ז"ל**, אז ער האט געזען דעם שיעור שטוב פונעם חתם סופר, און עס איז נישט געווען גרעסער פון א בית המדרש אין א בעיסמענ"ט אין וויליאמסבורג, אזוי גרויס איז געווען דער שטוב וואס דער חתם סופר האט געגעבן דעם שיעור פאר א פאר הונדערט תלמידים. - דער חתם סופר שרייבט, בעיני ראיתי, נאר איך וויל נישט שרייבן ווי איך האב עס געזען, מפני פריצי עמנו. האט אים דער רבי געזאגט, איך גלייב נישט אז דער חתם סופר זאל מיינען זיך. ער מיינט, אז עס גייט ארויף אויף זיין רבי **ר' נתן אדלער**, דארט האט ער עס געזען. רבי נתן אדלער האט אויך געהאט זייער א קליינעם שטוב וואו ער האט געלערנט מיט די תלמידים, און עס איז אריינגעגאנגען מער תלמידים פון וואס מען האט זיך געקענט פארשטעלן. - ער האט אזוי מחשיב געווען דעם חתם סופר, אז ער האט נישט געקענט גלייבן אז דער חתם סופר זאל עס שרייבן אויף זיך. דער רבי אליין איז געווען שטארק דבוק אינעם חתם סופר.

**האדמו"ר מסאטמאר:** ער האט געהייסען מיין טאטע זצ"ל לערנען חתם סופר אלץ יונגעל. ער האט אים געזאגט, אויב דו ווועסט לערנען חתם סופר, וועסטו אייביג קענען זאגן, אין חתם סופר איז דא ממש פון אלע מיני ענינים.

**רבינו:** די חידוש איז וואס האט מען געטון ווען מען האט געדארפט רעדן, פאר עס איז געווען א חתם סופר[ט]. דער רבי ז"ל האט געזאגט, אז ווען ער שרייבט (בשער ספרו ויואל משה) בזכות רבותי מיינט ער דעם **דברי חיים** מיטן **חתם סופר**. כאטש ער האט ביידע נישט געקענט.

**א' מהנוכחים:** ביז תש"ח האט ער דאך נאר געלערנט וואס איז געווען, **תורת משה**, און **דרשות חתם סופר**, די **חתם סופר** פינף בענדער איז ערשט ארויסגעקומען תש"ח.

**רבינו: רבי יהודא'לע [מדזיקוב זצ"ל]** האט אוועקגעגעבן זיין גאנצע נדן וואס ער האט באקומען, אז מען זאל דרוקן די **דרשות חתם סופר**.

**האדמו"ר מסאטמאר:** ער איז געווען מורא'דיג צוקאכט אינעם חתם סופר.

**א' מהנוכחים:** ווען דער **ברך משה** איז געווען אמאל באזוכן רבי יהודא'לע אין ארץ ישראל, האט מען אים געוויזען רבי יהודא'לע'ס חתם סופר מיט די הגהות.

**רבינו:** עס איז געווען אנגעשריבן פון אלע זייטן.

**א' מהנוכחים:** יעדע הגהה איז געווען מורא'דיג אויסגערעכנט ביי אים. 'עיין' איז א קשיא, 'ועיין' איז א ראיה (ונדפסו בספר **גליוני מהר"י** על **חתם סופר** עה"ת).

**האדמו"ר מסאטמאר:** דער טאטע ז"ל פלעגט אלץ מפליא זיין דעם חתם סופר, אז מען קען זעהן די זעלבע רעיונות מיט פופציג יאר אפגערוקט. געווענליך ווערן דאך נשתנה ביי א מענטש די הילוך המחשבה, און ביים חתם סופר איז עס געווען די זעלבע.

---

[ט] נצטט מתוך דברי **רבינו שליט"א** בסעודת משתה היין בליל פורים תשע"ה, אחר שחזר על דברי קדשו של **מרן החתם סופר זי"ע** בביאור פסוקי המגילה: דער הייליגער חתם סופר איז מיין רבי, איך ריר זיך נישט אן דעם חתם סופר, אלע מיינע הארות וואס איך האב אין תורה הק' בין איך זוכה אין זכות פונעם חתם סופר. מיר ווייסען נישט וואס מיר האבן פארמאגט אויף די וועלט, די אוצר וואס דער הייליגער חתם סופר שרייבט אין זיינע הייליגע ספרים, איז למעלה מן הדעת, העכער פונעם פשוט'ן שכל. איך מיין אז אין גאנץ פרעשבורג, איז אפשר געווען געציילטע יודען וואס האבן פארשטאנען וואס דער חתם סופר האט גערעדט, אזוי גרויס איז געווען דער הייליגער חתם סופר. דער אייבערשטער זאל מיר געבן לעתיד לבוא, אז איך זאל צוקומען צו זיין א באדינער אינעם שטוב פונעם חתם סופר. די גילויים פונעם הייליגע'ן חתם סופר אין תורה הק' איז אן א שיעור און אן א ערך. דאס וואס דער חתם סופר האט מחדש געווען אין תורה איז כמעט לא קדמה לפניו ולא לאחריו. זייט איך האב זיך מדבק געווען אין די הייליגע ווערטער פונעם חתם סופר, איז מיין לעבן געווארן א אנדערע לעבן.

פארוואס פארצייל איך עס פאר ענק, ווייל איך וויל אז איר זאלט אייך אויך מדבק זיין אין די ווערטער פונעם חתם סופר. עטס וועט'ס זעהן, אז ווען עטס וועטס לערנען חתם סופר, וועט עטס ווערן אנדערע יודען פון וואס מען איז געווען פארדעם. דער הייליגער חתם סופר'ס ווערטער איז אזוי הייליג, אזעלכע הארות, אזעלכע גילויים אין תורה הק', וואס איז נישט געווען פאר דעם און כמעט נישט נאך דעם. עס איז אוודאי געווען, מיר קענען דאך נישט מדמה זיין די מדריגות פון צדיקים, איך מיין אבער, וואס עס איז געשריבען געווארן, אז עס זאל זיין א נחלה פאר דורות, דאס איז א זעלטענהייט. יעדער יוד ווען ער וועט זיך מתבונן זיין, קען טרעפן דערין א געוואלדיגע וועג פאר אים, ער זאל קענען גיין אין עבודת ה'. דער הייליגער **סאטמארער רב זי"ע** האט געזאגט, אז ווען ער זוכט א גוטע דרוש אגדה, קוקט ער אין **ישמח משה**, און ווען ער זוכט א גוט שטיקל דרוש חסידות, קוקט ער אין **חתם סופר**.

אין די **דרשות חתם סופר** איז דא עקסטערע שטיקלעך, און דער טאטע ז"ל פלעגט מיר צו זאגן אז איך קען דיר ווייזן די קשר פון יעדע שטיקל. עס איז נישט סתם נאך א שטיקל און נאך א שטיקל. עס האט געהאט א קשר.

**רבינו:** אין די דרשה אליין האט ער עס געמוזט מקשר זיין[י].

עס איז מיר א פלא, צו ער האט געזאגט אלעס וואס שטייט אין **דרשות חתם סופר**. עס איז נישט מעגליך דאס אפצוזאגן, אפילו אין צוויי שעה.

**האדמו"ר מסאטמאר:** עס איז דען אמאל געווען א פראבלעם צו זאגן מער פון צוויי שעה.

**א' מהנוכחים:** דער **קאשוי'ער רב** האט געזאגט, אז ער האט געהערט דעם **ייטב לב** זאגן א דרשה כמעט פיר שעה (עיין בספר **שאול בחיר ה'** דף כד).

**רבינו:** אבער איך גלייב נישט אז דער חתם סופר אין פרעשבורג האט געקענט זאגן צוויי שעה. די דרשה איז געווען אין שול. איבערצוזאגן א דרשה פון ז' אדר, איבערצוזאגן די גמרא און עס מסביר זיין וכדומה, איז שעות צו זאגן.

**האדמו"ר מסאטמאר:** אמאל האט מען געהאט מער געדולד אויסצוהערן א דרשה.

**א' מהנוכחים:** דער חתם סופר האט אליין געשריבן די דרשות?

**רבינו:** ער האט אלעס אליין געשריבן.

**האדמו"ר מסאטמאר:** עס איז דא א פנקס פון **רבי פישל סופר**.

**רבינו:** צוויי יאר (תק"פ-תקפ"א) האט ער נישט געשריבן קיין אגדה, און דעמאלטס האט רבי פישל סופר געשריבן, אבער אויסער דעם האט ער נישט פארפאסט, און ער האט אלעס אליין געשריבן (עיין בספר **סופר המלך** דף ק"ו בארוכה).

**א' מהנוכחים:** על התורה שרייבט ער אז דאס איז אים איינגעפאלן ביים מעביר סדרה זיין (כן כתוב **בשו"ת חתם סופר** ח"ו סימן סא).

**האדמו"ר מסאטמאר:** ער האט געזאגט, אז ער האט נישט פארפעלט איין טאג וואס ער האט נישט פארגעלערנט פאר די תלמידים (מובא בהקדמת **פיתוחי חותם לשו"ת חתם סופר** חלק יו"ד).

**רבינו:** ער האט געשריבן תשובות פאר די גאנצע וועלט. זיי זענען געווען גרויסע לייט, לבם כלב הארי.

**א' מהנוכחים:** די גאנצע מדינה האט געהערט פאר די תלמידי החתם סופר.

**רבינו:** יא, ער האט אויפגעשטעלט יודישקייט. מען האט געדרוקט לעצטענס א בריוו פונעם חתם סופר, וואס דער חתם סופר שרייבט, איך לערן מיט בחורים ביז זיי ווערן אביסל עלטער, און ווען זיי זעהן אז איך האב זיי נישט וואס צו פארקויפן, גייען זיי אוועק לערנען ערגעץ אנדערש (הובא **בשו"ת חתם סופר** החדשות סימן לג).

**האדמו"ר מסאטמאר:** דער חתם סופר האט געהאט א סדר וואס ער האט געלערנט, און ער האט איבערגעלערנט די זעלבע זאך. זיי ברענגען נאך פון איינע פון די תלמידים, אז ער איז געווען אין די ישיבה, און ער האט שוין מיטגעהאלטן די סדר, און פארן שיעור האט ער געזאגט, דאס גייט דער רבי זאגן, און דאס גייט דער רבי זאגן. און עס איז טאקע אזוי געווען. און ווען דער חתם סופר האט געזאגט דעם שיעור, האט זיך דער עולם צושמייכעלט. און דער חתם סופר האט עס באמערקט (ועיין בספר **רבינו הגדול אמרו** (דף רי) בפרטי העובדא, ומביא שם שהתלמיד היה **הגאון רבי יצחק אהרן לאנדסבערג זצ"ל** אב"ד גרויסווארדיין).

**רבינו:** זיי שרייבן אז ער איז אמאל געווען ביים **מהר"ם שיק** אין יערגען, און ער איז אריינגעקומען אינמיטן שיעור, האט דער מהר"ם שיק איבערגעגעבן דעם שיעור אז דער חתם סופר זאל ווייטער פארלערנען. און דער חתם סופר האט נישט געוואלט, און ער האט אים געהייסען אז ער זאל ממשיך זיין. האט ער אנגעהויבן נאכצוזאגן וואס דער חתם סופר האט אלץ געזאגט אויף דעם סוגיא.

**האדמו"ר מסאטמאר:** נאכדעם האט דער חתם סופר געזאגט, ער געדענקט בעסער וואס איך האב געזאגט, ווי איך אליין. אזוי האב איך געהערט פון טאטן ז"ל.

**רבינו:** און דאס איז געווען דער מהר"ם שיק וואס מען האט געזאגט אויף אים, אז ער האט געהאט א שוואכע קאפ. עס שטייט אין **שאול בחיר ה'**, אז אויף דער עלטער האט מען אים געגעבן א גמרא, און מען האט עס אויסגעדרייט, און ער האט אזוי פארגעלערנט.

---

[י] וזה לשון הג"מ **רבי שלמה אלכסנדרי סופר זצ"ל** בהקדמת **דרשות חתם סופר**: ועל זאת אעורר עיני הקורא, שמאמריו של **החתם סופר** בדרושיו יש להם כולם כאחד יחס אל הבחינה אשר עליה תסוב דרשתו, וכחוט השני תמשך הבחינה והרעיון אשר הוא יסוד הדרוש בכל בנין הדרוש מרישא עד גמירא. ולפעמים לא בקל נראה זאת בהשקפה ראשונה לעין הקורא.

## ספרי הרה"ק בעל בני יששכר זי"ע

בניחום אבלים על פטירת הרבנית הצ' מפאפא ע"ה
אסרו חג פסח תשע"ט לפ"ק

**רבינו:** די וועלט זאגט, אז דער **בני יששכר** האט זייער אסאך געשריבן, און ער האט געקענט האלטן קאפ, אפילו איינער איז אריינגעקומען רעדן, האט ער אויסגעהערט דאס רעדן, און ער האט געשריבן. ביי **רבי דוד'ל דינוב'ער** איז שוין נישט געווען אזוי, און ווען איינער איז אריינגעקומען שמועסן, האט ער אויסגעהערט וואס יענער האט גערעדט. אמאל איז א יודענע געקומען, און זי האט גערעדט מיט רבי דוד'ל דינוב'ער, און ער האט אלעס אויסגעהערט. האט זי אים געזאגט, איר זענט נישט אזוי ווי אייער טאטע. אייער טאטע האט אלעס אויפגעשריבן וואס איך האב געזאגט, אבער איר שרייבט נישט אויף וואס איך זאג.

**האדמו"ר מפאפא ב"פ:** אלע כתבים פונעם בני יששכר, זענען דאך פון זיין כתב יד, נישט פון די תלמידים, אזויפיל צו שרייבן...

**דומ"ץ פאפא:** מען האט געזאגט אויפן **בני יששכר** אז ער האט געהאט צוויי מוחות, ער האט געקענט טוהן צוויי זאכן.

**רבינו:** איך האב געהערט פונעם **קלויזענבורגער רב ז"ל**, אז דער **בני יששכר** האט געשריבן ערב שבת ביז צום זמן, און מען האט אים געדארפט דערמאנען אז עס ווערט שבת, און ער זאל אראפלייגען די פעדער.

**האדמו"ר מפאפא:** דער **בעלזער רב** האט געזאגט פארן **קיוואשדער רב**, אז אייער זיידע האט געהאט די גרעסטע הארה אין חנוכה (יותר משאר הצדיקים).

**דומ"ץ פאפא:** דער **בני יששכר** (מאמרי כסלו טבת ב-כא) שרייבט, אז דריי גדולים האבן געזאגט אז חנוכה איז דא די הארות פון דעם **אור הגנוז**. ער ברענגט דעם **רוקח**, און דער **מהר"ל מפראג**, און **רבי פנחס קאריצ'ער** הקרוב לזמנינו. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, אז דער **בני יששכר** אליין האט אויך.

**רבינו:** מען פארציילט נאך, אז דער בני יששכר אליין האט געפרעגט דעם **רבי פון לובלין**, פארוואס ער האט אזא הארה אין חנוכה, ער איז דאך נישט פון די בני חשמונאים, וואס ער זאל האבן א שייכות צו חנוכה. האט ער אים געענטפערט, אז זיין שורש נשמה איז פון א בית דין וואס איז געווען דעמאלטס בימי החשמונאים, וואס זיי זענען געווען פון שבט יששכר. וועגן דעם האט ער א נאמען געגעבן זיין ספר 'בני יששכר'.

**האדמו"ר מפאפא:** דער **בעלזער רב ז"ל** האט געזאגט, אז דער **אגרא דכלה** איז חשובער. ווייל דעם בני יששכר האט ער געשריבן פאר זיך, אבער דער אגרא דכלה איז תורות וואס ער האט געזאגט פאר יודען. מיין פעטער רבי יחזקי' (מחוסט, אחיו של הערוגת הבשם) איז געווען אמאל אין בעלזא, און דער **בעלזער רב ז"ל** האט געפרעגט איינעם פון די חסידים, וואס ער לערנט. און ער האט אויסגערעכנט בני יששכר. האט דער בעלזער רב געזאגט, אז אגרא דכלה איז חשוב'ער, ווייל דאס האט ער געזאגט פאר יודישע קינדער, ממילא האט עס מער כח. ווען רבי יחזקי' איז אהיימגעקומען, האט ער געהייסען אז אלע קינדער און איידימער זאלן קויפן אגרא דכלה[א].

**דומ"ץ פאפא:** דער טאטע ז"ל ברענגט עס אין די הקדמה (לספר **ויגד יעקב** - במדבר).

**רבינו:** עס האט מיר פארציילט דער **קאטמונער רב**, אז מען האט אמאל געפרעגט דעם **שאמלויער רב**, ער האט ארויסגעגעבן בחייו דעם **טיול בפרדס** אויף אגדה. האט אים זיין זוהן געפרעגט, אז ער האט דאך געזאגט אסאך שענערע זאכן פון דאס וואס איז געדרוקט אין טיול בפרדס, פארוואס ער האט געדרוקט דעם טיול בפרדס. האט ער אים געזאגט, ווייל דאס איז זאכן וואס איך האב געזאגט ברבים, האט עס ביי מיר א עקסטערע חשיבות, אז אפילו עס איז נישט אזוי ווי די אנדערע, האט ער דאס מקדים געווען צו דרוקן (הובא בהקדמת ספר **דרשות לחם שלמה** אות עב).

## ספרי הגה"ק משאמלויא זצ"ל

בעת השבעה על פטירת אחיו
**כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן ומסב"ג זצ"ל**
יום ג' פרשת שלח תשע"ח לפ"ק

**הרה"ג רבי העניך אשכנזי שליט"א אב"ד אבני צדק:** עס איז דא אין **דרשות לחם שלמה** דרשות וואס ער האט געזאגט אין די שווערע צייטן.

---

[א] יצויין מתוך מכתב שכתב הגה"צ **רבי יעקב יצחק ניימאנן זצ"ל** אב"ד בעלזא מאנטריאל ליבחלט"א **רבינו שליט"א** (ח"י טבת תשס"ג): 'הנני בזה בתודה רבה וגדולה על מה שהדר"ג כבדני בספרו שמאד חשובים אצלי, ונוסף לזה שהדברים חשובים מאד שנאמרו לפני קהל רב, **וכ"ק מו"ר בעל ויחי יוסף זצ"ל** כתב בהקדמתו בשם מו"ח **הרהגה"צ יעקב יחזקי' גרוו"ד זצ"ל הי"ד שמרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** החשיב מאד ספר **אגרא דכלה** יותר **מבני יששכר** שנאמרו ברבים לפני בני ישראל'.

**רבינו:** ביז תש"ד, די לעצטע דרשה. די לעצטע דרשה שבת הגדול האט ער זיך פארגעשריבן, און ער האט צוגעשריבן נאכדעם אז ער האט עס נישט געזאגט. זעהט אויס אז ער האט שוין נישט געקענט זאגן.

עס איז א פלא, אז ער האט געהאט א בוך ווי ער האט אריינגעשריבן די דרשות פון תרצ"ב ביז תש"ד, און ביי די לעצטע עמוד האט ער געענדיגט די לעצטע דרשה.

**אב"ד אבני צדק:** אזויפיל דרשות, און אזויפיל כתבי ידות. מן הסתם איז נאך דא נאך וואס עס איז נישט געדרוקט.

**רבינו:** איך ווייס נישט, עס איז שוין כמעט אלעס געדרוקט.

**אב"ד אבני צדק:** ער האט געזאגט מן הסתם אסאך מער ווי עס שטייט אין **לחם שלמה**. אין **טיול בפרדס** און **אבני המקום** איז דא אזויפיל. עס איז אלעס פנינים יקרים, פלפול דרוש ואגדה, פלאי פלאות'דיגע זאכן.

**רבינו:** ער שרייבט אויפן **ישמח משה** אז ער האט געהאט אלע דריי מעלות וואס א מגיד דארף צו האבן, כדי מען זאל אננעמען די דרשות[יב].

**אב"ד אבני צדק:** נאך וועם האט ער געהייסן שלמה זלמן?

**רבינו:** נאכן **יריעות שלמה.**

**אב"ד אבני צדק:** דער מאקאווער רב.

איך האב געזעהן א שיין ווארט פונעם **מאקאווער רב** (בעל **יריעות שלמה**) אויפן פסוק (תהלים מה-ג) יפיפית מבני אדם הוצק חן בשפתותיך, אז אמאל איז דא א מענטש וואס ער איז א שיינער בעל דרשן, ער איז א שיינער זאגער. אבער דאס איז דאך א מתנה פונעם אייבערשטען שיין צו זאגען. אבער דאס וואס א מענטש פלאגט זיך אליין, דאס איז א שיינקייט פונעם מענטש. יפיפית מבני אדם, דאס אז דו ביסט שיין פון מענטשען, אז הוצק חן בשפתותיך, אז דער אייבערשטער גיט חן בשפתותיך, דאס איז על כן ברכך אלקים לעולם, דאס גיט דאך א ברכה דער אייבערשטער, חגור חרבך על ירך גבור, דאס אז א מענטש שטארקט זיך אויף זיך אליין, דאס איז הודך והדרך.

**א' מהנוכחים:** דער **קאטמונער רב** אין תהלים (**אז ידבר יהושע**) האט אויך א טייטש אויף דעם על כן ברכך אלקים לעולם.

**רבינו:** על כן ברכך אלקים, דאס וואס דער באשעפער האט דיר געבענטשט, איז נישט אז דו זאלסט עס האלטן פאר דיר, נאר לעולם, דו זאלסט עס געבן פארן עולם[יג].

## <u>מעלת הדפסת חידושי תורה</u>

**בביקור אצל הגה"צ רבי יצחק מאשקאוויטש זצ"ל**

**אב"ד נייטרא וומסב"ג**

יום ג' דחוה"מ פסח תשע"ח לפ"ק

**רבינו:** איך האב אסאך גירסא דינקותא פונעם רב (בישיבת נייטרא במאונט קיסקא), גוטע זכרונות. זכרתי ימים מקדם, מען האט פלייסיג געלערנט. היינטיגע בחורים אין די ישיבות האבן נישט אזא סעמפ"ל ווי מיר האבן געהאט.

**בנו הרה"ג רבי שלמה עזרא שליט"א:** דער רב האט געלערנט ביי מיין טאטן אליין?

---

[יב] ראה בהקדמת **לחם שלמה** (אות ס) וזה לשונו: הנה ידוע בשער בת רבים שרבינו הגה"ק המחבר זצ"ל היה דרשן גדול, והיה מעורר מאוד את שומעיו, וכמעט כל דרשה שלו היה אומר בבכיות, והיה מעורר גם את העם לבכי. – ועיין מה שכתב בספרו **טיול בפרדס** (ח"ב מערכת כ' אות ט"ז), דג' דברים מועילים שדברי הדורש יתקבלו מהשומעים. א' אם הדורש הוא בעל לשון ודברן. ב' אם אומר דברים מתוקים ונפלאים. ג' אם הוא צדיק וירא שמים. ובפרט כשהשלשה מעלות האלה נפגשים יחד, אז אין ערך להדורש ההוא. – וכתב שם שכפי הנראה מספר הק' **יערות דבש**, היה **הרבי ר' יונתן בעל התומים זי"ע** כזה, וכן כפי מה ששמע מאנשים ששמעו הדרשות מפי **הישמח משה זי"ע**, היה הישמח משה גם כן בג' מעלות האלה ע"ש בדפפ"ח. – ואצל רבינו מו"ז זצ"ל היו גם כן כל הג' מעלות הללו, היה דברן ודרשן גדול, ודורש דברים נפלאים, כאשר יראה הקורא בספר דרשות הזה, והיה גאון גדול צדיק וקדוש, על כן היה בכחו לעורר מאוד את שומעיו.

[יג] וזה תוכן דבריו: רחש לבי דבר טוב, אומר אני מעשי למלך, לשוני עט סופר מהיר, יפיפית מבני אדם, הוצק חן בשפתותיך, על כן ברכך אלקים לעולם (תהלים מה-ב). ונראה לפרש, כי בב' אופנים זוכה האדם להגיד דברים. הא', מפני שברוב יגיעתו בתורה הוא כמעין המתגבר, וכוחו בא ממקום חכמתו. והב' הוא בשביל זכות העולם, שרוצה הקב"ה להעמיד להם מנהיג ומוכיח לשמוע בקול דברו. והמבחן בזה, באם דבריו גם נושאים חן, אז בטח זה מאופן השני, דבלאו הכי לא רבים זוכים שיהללו דבריהם. וזהו שאמר דוד המלך ע"ה החילוקים הנ"ל, שהנני מכיר באם 'רחש לבי' דבר טוב, שממקור לבבי נתחדשו הדברים, אז אומר אני מעשי 'למלך' לשוני עט סופר מהיר, אשר לא רבים יחכמו ליהנות מכתיבתו, כי אין להם השגה. לא כן אם יפיפית מבני אדם והוצק חן בשפתותיך, אז הסימן על כן ברכך אלקים 'לעולם', בשביל העולם.

**רבינו:** ניין. איך בין געקומען אין ישיבה (ישיבת נייטרא במאונט קיסקא) תשכ"ג, און דער טאטע האט חתונה תשי"ט.

מען איז תיכף געגאנגען וואוינען דארט נאך די חתונה?

**אב"ד נייטרא:** ניין. נאך די חתונה האב איך קודם געארבעט.

**רבינו:** און נאכדעם האט איר געארבעט אויף די בחורים...

**אב"ד נייטרא:** עס איז געווען די ערשטע שטיק צייט, א האלב יאר בערך, ביז מען האט צוגערישט א דירה אין מאונט קיסקא, און די ערשטע מאל וואס איך בין צוריקגעקומען אין שטאט, פרעגט מיך די רעבעצין ע"ה ווי אזוי עס איז געווען. האב איך געענטפערט, עס איז געווען טעם גן עדן.

**רבינו:** דעמאלטס האט דער רב געשריבן חידושים אויף מסכת פסחים. ווען איך בין אנגעקומען האט מען געלערנט אין ישיבה מסכת פסחים, און מיר האבן שוין געהאלטן ביים סוף פונעם פרק, און דער רב האט נאך געהאלטן ביי דף ה' אדער ו'. און אין די ביכלעך וואס מען האט געשריבן, האט מען געהאלטן אין אנהייב. מען איז אדורך יעדן תוספות. איך האב זיי געזאגט (לצאצאיו), אז זיי דארף לאזן אויפזעצן אייערע כתבי ידות.

**חתנו הרה"ג רבי יקותיאל טייטלבוים שליט"א:** מען האט שוין אנגעהויבן.

**רבינו:** מען דארף עס אדורכגיין און באקוקן, עס זאל זיין מסודר אין שטוב. עס איז א דבר גדול פאר זיך.

**הגר"י ט"ב:** מען האט אנגעהויבן מסדר צו זיין אויף פרקי אבות.

דער **סאמבאטהעלער רב זצ"ל** האט געהאט א ברודער (**הגה"צ רבי משה לייב זצ"ל** בעל **ויגד משה**) וואס איז געווען א תלמיד פונעם **לבושי מרדכי**, און ווען ער האט גענומען די הוראה פונעם לבושי מרדכי, האט ער אים געוויזן זיינע כתבים, און דער לבושי מרדכי איז אזוי נתפעל געווארן, אז ער האט אים געזאגט, נישט נאר איך געב דיר התרת הוראה, נאר איך געב דיר אפילו א הסכמה אויף די כתבים. האט ער אים געזאגט, איך האלט עס נישט ביים דרוקן. נאכדעם האט ער חרטה געהאט, פארוואס ער האט נישט געגומען א הסכמה און געדרוקט די כתבים.

**רבינו:** עס איז דא פון אים אפשר פופציג ספרים, סוגיות עמוקות, איך צאל שוין פאר א מענטש דריי יאר וואס ער האלט עס אין איין אויפטייפן, איבערצושרייבן די כתב יד אז מען זאל עס קענען אויסארבעטן. יעצט האלט מען שוין ביים גומר זיין.

**רבינו** (אחר שהפציר להדפיס דברי תורתו): איך האב גערעדט דעם פסח (בליל הסדר), אז די הלכה איז (פסחים קטז.), אז סיפור יציאת מצרים דארף זיין בדרך שאלה ותשובה. אפילו תלמידי חכמים דארף איינער שואל זיין, און דער צווייטער זאל ענטפערן. וואס ליגט אין דעם? פארוואס צווי חכמים וואס קענען אלעס, ער קען אזויפיל וויפיל דער צווייטער, און דער צווייטער קען אזויפיל וויפיל ער, וואס וועט געשען יעצט ווען ער וועט אים פרעגן, און יענער וועט אים ענטפערן. אויב עס איז דא א מצוה אז מען דארף עס פארציילן, זאג עס פאר דיר אליין. עס איז משמע אז מען דארף דווקא פרעגן און ענטפערן.

איך האב געקלערט, מען זעהט, ווען מען לערנט א תוספות. צעהן תלמידי חכמים וועלן לערנען דעם תוספות, און יעדער קען דעם תוספות. און יעדער איינער ווען ער וועט עס מסביר זיין, וועט ער האבן א געוויסע קנייטש אינעם תוספות, וואס דער צווייטער האט נישט באמערקט. צעהן ראשונים קענען שרייבן דעם זעלבן תירוץ, און ביי יעדן ראשון וועט מען טרעפן עפעס א נקודה וואס ער האט צוגעגעבן און אויסגעגראדעט. ווען צווייט תלמידי חכמים זעצן זיך אראפ, אפילו מען פארציילט די זעלבע זאך, אבער ווען ער הערט עס פון יענעם, דערהערט ער עפעס וואס ער האט נישט געוואוסט.

– איר האט זיך אזויפיל געפלאגט אויף די חידושי תורה, מסביר געווען יעדע תוספות אויף פינף אופנים. אפילו א צווייטער קען אויך פארשטיין, אבער דער קנייטש וואס יעדער תלמיד חכם ברענגט ארויס אין זיין זאך, וואס איינער האט, האט נישט דער צווייטער. עס איז א תועלת פאר יעדן. מען קוקט עס איבער, און מען גייט עס איבער, די וועלט קען הנאה האבן דערפון. אמאל האט מען מורא געהאט צו שרייבן א תשובה מען וועט איינעם מכשיל זיין, היינט איז מען קיינעם נישט מכשיל. עס קומען ארויס ספרים יעדן טאג, חדשים לבקרים, מען איז קיינעם נישט מכשיל היינט. פארוואס זאלן נישט אנדערע אויך הנאה דערפון. אייער זיידע דער לקט הקמח האט אויך געדרוקט.

**הגר"י ט"ב:** עס איז דא א שארפע **ישמח משה** אין תהלים, אויפן פסוק (תהלים א-ג) ועלהו **לא** יבול, אז מען וועט דן זיין א מענטש אז ער האט נישט מפרסם געווען זיינע חידושים, וואס דער

אייבערשטער האט אים חונן דעת געווען. א מענטש איז אמאל אראפגעקומען אויף די וועלט, נאר מחדש צו זיין דעם חידוש.

**רבינו:** דאס מיינט נאכנישט דרוקן. ווען א מענטש איז מחדש עפעס, און ער זאגט עס איבער ברבים, האט מען אויך אויפגעטון.

## הדפסת ספרים וכת"י מגדולי ישראל

בניחום אבלים אצל הגה"צ **אב"ד** טערצאל שליט"א

יום ג' פרשת ויגש תש"פ לפ"ק

**אב"ד טערצאל:** עס איז א פלא בכלל, דער **ערוגת הבשם** האט אזויפיל געשריבן. עס איז געווען א באנד אויף חושן משפט, און אויף אבן העזר.

**א' מהנוכחים:** עפעס איז געבליבן, אויף חולין האט מען יעצט ארויסגעגעבן.

**רבינו:** איך האב געהערט פונעם **קאטמונער רב**, האט ער געזאגט, אז מען דארף באדאנקען פארן **יארע רב** (בן הערוגת הבשם) אז ער איז געווען א ארימאן, אז נישט וואלט נישט געווען געדרוקט די תשובות פועם **ערוגת הבשם**, נישט אויף אורח חיים, און נישט אויף יורה דעה. ער האט עס מסדר געווען, און פון דעם האט ער געהאט פרנסה.

**אב"ד טערצאל:** דאס וואס די גדולים האבן געדרוקט אליין בחייהם, דאס איז געבליבן. פונעם **מעשי למלך** איז געווען טויזנטער תשובות, און עס איז כמעט גארנישט דא. מיין זיידע **רבי יעקב שפירא** (אב"ד טערצאל), האט מיר זיין טאכטער געזאגט, אז עס איז געווען א גאנצע שאנק מיט כתבי ידות, און די קינדער האבן עס צושלעפט, און עס איז גארנישט געבליבן. ער איז געווען זייער גרויס אין חושן משפט, ער האט געהאט אסאך דין תורה'ס.

**רבינו:** מען האט צוטיילט ירושה, און יעדער האט זיך גענומען א פעקל, אנשטאט מען זאל עס לאזן אויף איין פלאץ און איינער זאל עס מסדר זיין, און דרוקן...

**אב"ד טערצאל:** איינע פון די רבנים האבן געזאגט, אז יעדער זאל דרוקן בחייו.

**א' מהנוכחים:** דער **מנחת אלעזר** שרייבט אין זיין הקדמה אויפן ערשטען חלק, ברענגט ער פון איינעם, אז מען מוז דרוקן בחייו ווייל מען ווייסט נישט וואס עס וועט געשעהן. עס קען געשעהן שריפות, און קינדער וועלן זיך נישט אפגעבן, זיי וועלן זיין ארימעלייט. מען מוז דרוקן בחייו.

**אב"ד טערצאל:** פון סערדאהעלי איז אסאך געבליבן. מען האט עס באהאלטן?

**רבינו:** נאר פון **רבי משה לייב** (בעל **ויגד משה**) איז געבליבן. פונעם **סערדאהעלער רב** אליין איז גארנישט געבליבן. עס איז דא איין באנד תשובות, וואס עס איז געלעגען ביי רבי משה לייב. רבי משה לייב האט באהאלטן זיינע זאכען ביי א גוי, און וואס ער האט באהאלטן האט מען געטראפן, און וואס דער זיידע האט באהאלטן האט מען נישט געטראפן. מען האט נאר צוזאמגענומען פון די תלמידים דברי תורה וואס זיי האבן געדענקט. דאס איז טייטש, וואס עס איז געבליבן פונעם זיידען על התורה, איז ווייל א תלמיד האט עס געהאט אויפגעשריבן, און ביי דעם תלמיד איז געבליבן די כתבי ידות, און פון דארט האט מען עס מעתיק געווען. - וואס עס דארף זיין געדרוקט גיט דער אייבערשטער שכל אז מען זאל עס אליין טון, און וואס עס דארף נישט זיין געדרוקט, נעמט דער אייבערשטער צו דאס שכל[יד].

---

[יד] נעתיק בזה מה שסיפר **רבינו שליט"א** על **הרה"ק מסאטמאר זי"ע** בסעודת מלוה מלכה מוצש"ק עקב תשע"ט: דער **סאטמארער רב זי"ע** איז געווען ביי אונז אינדערהיים (אצל אביו **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**), אויף פענ"ן סטריט, צוויי מאל. איינמאל ווען מיין ברודער **רבי חיים לייב שליט"א** [**גאב"ד סערדאהעלי**] האט געמאכט א ברית, דעמאלטס האבן מיר זיך ארייגעצויגן דארטן אין די דירה. און דער סאטמארער רב האט געזוכט א געלעגענהייט צו קומען באזוכן מיין טאטען. עס איז געווען א ברית, און ער האט געהאט סנדקאות, איז ער געקומען דעמאלטס צום ברית אין בית המדרש. ער האט געדאווענט ביי זיך, און נאכן דאווענען, פאר ר"ת'ס תפילין, איז ער אריבערגעקומען צום ברית. נאכדעם ווילאנג מען האט זיך געזעצט צו די סעודה, האט ער געוואלט לייגן ר"ת'ס תפילין, האט אים מיין טאטע ארויפגעטראגן אויבן אין ספרים שטוב, דארטן האט ער געלייגט ר"ת'ס תפילין, און שפעטער איז ער אראפגעקומען צו די סעודה.

ווען ער איז געזעסן דארט, האט מען אזוי געשמועסט, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן, אז עס איז דא צדיקים וואס זייער דברי תורה איז נתפרסם געווארן, און עס איז דא צדיקים וואס זייער תורה איז נישט נתפרסם געווארן. און דאס האט נישט צו טון מיט זייער גרויסקייט, נאר עס האט צו טון וואס זיין שורש נשמה איז. עס זענען דא נשמות וואס זייער תורה דארף נתגלה ווערן פאר יעדן איינעם, און עס זענען דא נשמות וואס זיי דארפן נישט נתגלה ווערן. האט ער געזאגט אויף זיך, ער האט געוויזן פאר מיין טאטען, איר זעהט דעם ספרים שאנק - מיין טאטע האט געהאט א לאנגע

**אב"ד טערצאל:** יארן צוריק איז געווען א קינד וואס האט גערעדט (בדברי תורה בשנות קטנותו כידוע), עס איז געווען היינטיגע ספרים וואס ער האט נישט געזאגט, און עס איז געווען וואס ער האט יא געזאגט.

---

<u>**בענין הדפסת ספרי צדיקים**</u>

בעת השבעה על פטירת אחיו

**כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן ומסב"ג זצ"ל**

יום ד' פרשת שלח תשע"ח לפ"ק

---

**האדמו"ר מספינקא ב"פ:** איך האב געהערט אז עס איז געבליבן אסאך כתבי ידות (מאת הנפטר הגדול זצ"ל). דער טאטע ז"ל איז געווען א איידעם ביי דעם **בארשא רב**, וואס איז געווען א ברודער פונעם **אהבת ישראל**, ער האט געוואוינט אין סיגוט. דער טאטע ז"ל פלעגט זאגן, אז ווען דער בארשא רבי איז נפטר געווארן, איז דער **חקל יצחק** געפארן מנחם אבל זיין, און ער האט געזאגט, אז ער האט געהערט אז עס איז דא אסאך כתבי ידות, אסאך תורות, האט ער געזאגט, אז ער האט א קבלה, אז מען דארף דרוקן תיכף, אז נישט געשעהנט עס נישט. דאס איז געווען תש"א, עס איז שפעטער גארנישט געבליבן דערפון. דער **עטרת צבי פון זידיטשוב** האט מטעם הכמוס נישט געדרוקט קיין ספרים בחייו.

**רבינו:** דער **קאמארנער** האט יא געדרוקט.

**האדמו"ר מספינקא:** דער **חקל יצחק** האט געזאגט יעדע נאכט חנוכה א פשעטיל אויף כבתה, עס איז געווען פון דעם אליין א גאנצער חיבור. דאס ביסל וואס איז דא, **שו"ת חקל יצחק**, איז אויך נאר על פי נס. ווען די רשעים ימ"ש זענען געקומען, האבן זיי געזוכט ווי עס איז באהאלטן צווישן די ספרים גאלד און זילבער, און זיי האבן געטראפן די כתבי ידות, האבן זיי עס ארויסגעווארפען אויפן גאניק. און אויך אלע ספרים האבן זיי ארויסגעווארפען, און געזוכט דאס געלט, אזוי איז געווען א גאנצער בארג פון ספרים, און אונטער דעם זענען געווען די כתבי ידות.

עס איז אדורך א גאנצער ווינטער, און עס האט גערעגענט, און שפעטער איז דער טאטע אהיימגעקומען, און מען האט עס געטראפען, עס איז בדרך נס ניצול געווארן. עס איז געווען א יוד וואס האט געהייסען רבי יוסף מרדכי בערקאוויטש פון סעליש, ער האט עס געטראפן. אלעס איז מן השמים.

**רבינו:** איך האב געהערט פארציילען, אז ווען דער **קאמארנער** האט געדרוקט זיין ספר, האט ער זיך אויפגעהאלטן ערגעץ אין לעמבערג, אין די פלעצער וואו די דרוקעריי איז געווען. און ער איז איינגעשטאנען אפאר וואכען ביי א חסיד פונעם **דברי חיים** אין שטוב, ווייל ער האט זיך געוואלט אומקוקען אויף די דרוקעריי. אינמיטן האט דער יוד געדארפט פארן קיין צאנז, און ער האט דערציילט פארן דברי חיים, אז ער האט א גאסט ביי זיך אין שטוב יעצט, דער קאמארנער רבי וואס איז געקומען דרוקען זיין ספר. האט אים דער דברי חיים געזאגט, ווען דו גייסט אהיים, זאלסטו זאגען פארן קאמארנער רבי, אז איך בין אים מייעץ אז ער זאל אויפהערן דרוקען. דער **גארליצער רב** איז געווען אין שטוב, און ער הערט ווי דער פאטער זאגט עס פאר דעם יוד. ווען דער יוד איז ארויסגעגאנגען איז אים דער גארליצער רב נאכגעגאנגען, און ער פרעגט דעם יוד, וואס טראכסטו צו טון. זאגט ער אים, איך האב דאך א שליחות איבערצוגעבן, אז דער רבי האט געזאגט, אז ער זאל אויפהערן צו דרוקן. זאגט אים דער גארליצער רב, דו דארפסט טאקע אויספירן דיין שליחות, אבער איך בין דיר מייעץ, אז בעפאר דו גייסט איבערגעבן דעם שליחות, זאלסטו קודם רעדן צו די חברה קדישא, און דיך פארשאפן א גוט פלאץ, און נאכדעם קענסטו איבערגעבן די שליחות. – האט ער שוין געוואוסט אז ער דארף נישט.

איך האב געזעהן שטיין, אז דער **ייטב לב** האט געזאגט אויפן קאמארנער, אז ווען ער איז געווען ביי זיך אין שטאט, האט ער געהאט א קליין געפארעכטץ. ווען ער איז ארויסגעגאנגען אויסער זיין שטאט, זענען אים מענטשען באפאלען. האט דער ייטב לב געזאגט, אז זיינע חידושי תורה איז זייער חשוב אין הימל, איז ווען ער איז אינדערהיים, און ער האט צייט צו שרייבען, שיקט מען נישט קיין עולם צו אים, אבער ווען ער איז אין דער פרעמד, שרייבט ער ממילא נישט, דעמאלטס שיקט מען דעם עולם.

---

ספרים שאנק - ווען מען זאל אויפשרייבן אלעס וואס איך האב שוין געזאגט אין מיין לעבן, וואלט מען געקענט אנפולן א גאנצע רייע מיט ספרים פון וואס איך האב שוין געזאגט. און ער האט אנגעהויבן אויסצורעכענען, אינדערהיים האט ער גע'דרש'נט יעדן פרייטאג צו נאכטס, און ביי אלע דריי סעודות, פרקי אבות וואס ער האט געזאגט, און די דרשות וואס ער האט געזאגט. מען וואלט געקענט אנפילן א גאנצע רייע מיט ספרים.

**א' מהנוכחים:** עס איז דא א שמועס וועגן דעם אין **טורי זהב** הלכות צדקה (יו"ד סימן רנ"א סק"ו).
**רבינו:** לגבי ביטול תורה וועגן פיקוח נפש[טו].

## מקומות שהקפידו שלא להדפיס דברי תורתם

בביקור גומלין אצל **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ לאנדאן שליט"א**
יום ד' פרשת לך לך תשע"ט לפ"ק

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** דער רב איז געווען איינמאל ביי מיין טאטען ז"ל, און מען האט געפרעגט פארוואס אין וויזניץ האט מען נישט געזאגט קיין הספדים, ווייל על פי די גמרא (סנהדרין מו:) קומט דאך אויס, אז מען דארף מספיד זיין א מת. האט ער גע׳זאגט, אז מען זאגט דאך ביי די זמירות (בליל שב"ק), ומתוך מיעוט עונות. זעהט אויס, אז עפעס עבירות דארף מען האבען.
**רבינו:** אין די פוסקים איז דא תשובות אויף דעם, צו ווען מען לאזט צוואה אז מען זאל נישט מספיד זיין, צו מען האט א כח (עיין **פתחי תשובה** יו"ד סימן שד"מ סק"א, **ובשו"ת תשובה מאהבה** ח"א סימן קע"ד, **ובשו"ת מנחת אלעזר** ח"ב סימן ס"ג).
**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** מיין טאטע ז"ל האט געלאזט צוואה, אז מען זאל נישט דרוקדען קיין מימרות פון אים. זעהט אויס, אז מען האט עס אדורכגעטון, און מען גייט יא דרוקען. עס איז דא פארשידענע ראיות, אז ער האט נאר געמיינט סתם זאכען, אבער נישט וואס עס איז נוגע אויף הלכה למעשה.
**רבינו:** בכלל איז שווער צו פארשטיין ווי אזוי א דמענטש קען מצווה זיין פאר פרעמדע. פארוואס איז א פרעמדער מחוייב צו פאלגען?
**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** עס איז 'זיינע' תורות.
**רבינו:** ער איז נישט קיין בעל הבית דערויף.
**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** וואס ער זאגט ארויס פון 'זיין' מויל?!
**רבינו:** יענער האט עס געהערט, און ער האט עס אראפגעשריבן פאר זיך, וואו שטייט אז יענער טאר עס נישט מפרסם זיין (עיין **בשו"ת בית יצחק** יו"ד ח"ב סימן ע"ה אות א'). צו על כל פנים ווען מען רעדט פון עובדות וכדומה, יענער האט געהאט א מעשה, ער האט געפרעגט, און מען האט אים געזאגט, מען האט אים נישט דעמאלטס אנגעזאגט אז ער טאר נישט פארציילען, שפעטער זאגט מען אז מען זאל עס נישט דרוקען. די קינדער זענען אפשר מחויב צו פאלגען, אבער ווען מען רעדט אז א צווייטער טוט עס...

---

[טו] ראה **בדרשות חתם סופר** (פ' זכור קצג.) שכתב לבאר מה דאיתא בגמרא (מגילה טז:) גדול תלמוד תורה יותר מהצלת נפשות, ויליף ליה ממרדכי דלבתר דעסק בהצלת נפשות ירד ממדריגתו גבי אנשי כנסת הגדולה, משום שלא התמיד בתורה כל כך, והיה רצוי לרוב אחיו (אסתר י-ג), ולא לכל אחיו. והקשה **בטורי זהב** (יו"ד סימן רנ"א סק"ו) הא פקוח נפש דוחה תלמוד תורה. ונראה דודאי פיקוח נפש דוחה תלמוד תורה, והיה מרדכי מחוייב לבטל משום פיקוח נפש, אך הקב"ה שהזמין מצוה זו למרדכי ולא לאחר, משום שתורתו של אחרים הוא חביבה יותר, ולא רצה הקב"ה שיתבטלו הם מתלמוד תורה, על כן הזמין למרדכי, ומשהבינו אנשי כנסת הגדולה כך, הורידוהו מדריגה אחד. וכן כל המצות שאפשר לקיים על ידי אחרים לא יתבטל מתלמוד תורה עבורה, ושאי אפשר לקיימה על כרחך יתבטל, (וכמו שכתב **המג"א** סימן תמ"ד), וגבי לומדי תורה בעצמן, גם כן יבחרו אותן שאין הפסד בביטול תורתם כל כך לעשות המצוה, ואינך ילמדו תורה עכ"ל (ועיין עוד **בשמן ראש** חלק תשיעי במדבר דף קיא).